STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08310

BA ZIKH IN DER HEYM

Mendl Lifshits

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



מענדל ליפשיץ

באַ זיך אין דער היים

געוויילטע לידער



פאַרלאַג
"סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע 1967



ליריק

1. די טירן עפן ברייטער



* * *

אָט דער געדאנק אף טויזנטער פּאַפּירן
און אָנשריפטן עס שפּרייט זיך אויס געדיכט:
דו ביסט אריין — פאַרמאַך נאָך זיך די טירן,
דו ביסט אַוועק — לעש אויס נאָך זיך די ליכט.

און איך וויל אנדערש דעם געדאנק פאַרשפּרייטן:
דער הייפעך זאָל ער זיין קעגן זיין שטאַם —
דו ביסט אריין — די טירן עפן ברייטער,
דו ביסט אַוועק — צינד אָן נאָך זיך א פלאַם.

א קוואַל

א קוואַל זיך שלאָגט אַדורך אין טיפן טײַך,
אין מוטנע וואַסערן זײַן וואַסער לײַכט.
אין פעלדזן ריין עס שלאָגט זיך דורך א קוואַל,
אים איז געגנוג אין שטיין אַיין הויך, אַיין שפּאַלט.

און ווו ס'איז וויסטעניש — קיין שאָטן פּאַלט,
ער קומט פון דר'ערד אַרויס אַי פריש, אַי קאַלט.
ווען ס'זאָל דער קוואַל מיט מיר ניט זײַן קיין פרײַנט,
איז ווי וואָלט איך דערלעבן גאָר ביז הײַנט?

און ווי וואָלט איך באַגריסן הײַנט דעם טאָג,
ווען אין מײַן האַרץ דער קוואַל ניט שפּילט און שלאָגט?..

* * *

מיט וואָס האָט מיך די ערד געבונדן,
וואָס ליבן ליב איך זי אזוי ביז בלוט?
מיט איינגעקריצטע, טיפע וווּנדן,
וואָס פארגעדענקען זיך דאָך זייער גוט!..

זאָל ווּעמען גרינגע פרייד געהערן,
און מיר איז טײַערער פון פרייד —
פון פּיס פארבלוטיקטע דאָס פּערל,
בא דעם, וואָס גייט
און גייט,
און גייט...

* * *

ס׳האָט אונדזער מעכטיקייט זיך אויסגערוט,
ווי אפן שארפשטיין רוט זיך אויס דער מעסער,
און וועל איך שטארבן — איז מיר גוט,
און וועל איך לעבן — איז נאָך בעסער.

ס׳האָט אונדזער רויִקייט זיך אויסגעקלאָרט,
ווי בלוי פון הימלען נאָכן בליץ און רעגן,
און וועל איך שטארבן — ליב איך פאָרט,
און ליב איך, וועל איך אייביק לעבן...

* * *

ש. האלקינען

פאַרוואָס זאָל מיר קיין שאָ ניט ווערן גרינגער?
מיין לאַנד איז ברייט, מיין הימל הויך און קלאָר,
און זעכציק יאָר ווערט אַלט אַ פריינט, אַ זינגער,
אין לעצטן כוידעש פונעם נייעם יאָר.

צום נייעם יאָר די יאָרן אַלע גייען,
און גוט איז גיין מיט זיי און גיין, און גיין.
מיר הייבן אָן, ווי רייטער אין די רייען,
און ענדיקן, ווי פוסגייער, אַליין.

איז גיי און גיי, דעם פראָסט פון צייט צעשפּאַלט,
און אונטער אייז שוין וואַרעמט זיך אַ זומער;
מיר טאָרן, פריינט מיינער, ניט ווערן אַלט,
ווייל אונדזער אומבייט איז נאָך ניט געקומען...

* * *

מיט וואָס איז עס דער פרילינג אזוי שיין,
וואָס בענקען בענקט מען נאָך נאָך אים אליין?
דער זומער טוט דאָך אָן אין גאָלד דעם טאָל,
די ווײַט שענקט דאָך דער ליד איר ווידערקאָל,
עס ווערט דאָך דײַן געליבטע דיר א פרוי, —
פאַרוואָס זשע איז דער פרילינג ליב אזוי?
ווײַל יעדנס טרוים באפליגלט ער אליין,
ווײַל זײַנע הימלען זײַנען בלוי און ריין,
ווײַל אין ווײַטע וועגן לערנט ער אונדז גיין, —
אָט פאַרוואָס עס איז דער פרילינג שיין.

פארנאכט

א פארנאכט
א שטילער
און א ווארעמער,
אין בלוי
זיך פיקן
שטערן...
ווו נעמט מען הענט אזוינע —
די גאנצע וועלט צו ארעמען?
אזא געהער ווו נעמט מען —
די גאנצע וועלט דערהערן?..

זומער

אהיים פון היץ יאָגט דער טאבון,
דיביימער כאָלעמען אין זון.

אף גאָלדן שטענגל פול מיט דאנק
זיך בייגט פון זון דער פולער זאנג.

פון זון צום צווייַגל, מיד און זאט,
זיך טוליעט צארט די שטילע בלאט...

פון לאסט, פון זון, פון פרייד און וויי
בייג דו, מייַן קאָפּ, זיך אויך אזוי...

און זאָג — א טרער פון פולער שייַן
איז איצט גענוג, זאָלסט גליקלעך זייַן...

מיט פרײַנט

אין הימל די שטערן — א גאָלדענער רעגן,
און נאָענט, און ווײַט וואקסט א בענקשאפט פון זיי,
אף דר׳ערד בא קיביטקעס עס זיצן אוזבעקן,
זיי רייכערן טאבעק און טרינקען טיי.

קישמיש און אוריוק אין א טעלער א גרויסן,
דאָס ווארעמע ווינטל — עס שטערט ניט די רו,
אויב ריין איז דײַן הארץ און ביסט גאָרנישט ניט אויסן,
איז זײַ זיך מעכאבעד און זעץ זיך צו.

ווי קלאָר ס׳איז דער הימל, איז קלאָר מײַן געוויסן,
אָנבראָגיק און בלוי איז די נאכט אפן ראנד,
אָ, ברידער, זײַט וויסן, מײַן הארץ ווערט צעריסן
פון בענקשאפט אהין, נאָכן היימישן קאנט.

* * *

דאָס לעבן זאָל קיינמאָל ניט דורכגיין פאַרביַי,
האָב איך גריסן געוואָלט יעדן פרילינג אפּסניַי,
יעדער שאָ אין איר שפּאַן, יעדער טאָג אין זיַין שווינד,
און אַלט זיַין, און גרוי זיַין, און יונג ווי א קינד...

מיַין גורל געהאַלטן האָט מיך אונטער ברעם,
מיט א שמייכל געגרייט מיר א שטאָלענעם קלעם,
און באַרויבט ווי דער מערדער אין מיטן דער נאַכט,
מיר אין פּאָנעם פאַרשיַיט און זיך העפקער צעלאַכט:

„דו ליבסט דאָך דעם פרילינג, — אין דרויסן איז מיַי,
גיי ארויס און באַגריס אים אפּסניַי און אפּסניַי..."
און איך בין געשטאַנען, און איך האָב געהערט,
כ'האָב געשאָלטן דעם טאָג, און געקושט כ'האָב די ערד...

* * *

פאַראַנען ווערטער, וואָס איך וויל פאַרגעסן,
וואָס ווי אַ זומפּ אין זיי פאַרזינקט מען שווער.
„וואָס קנאַפּער מענטשן, איז די שׂימחה גרעסער,
וואָס מערער אוילעם, איז נאָר טומל מער“.

און מיך מאַכט גאָר אַן אַנדער זין־גאַנג מוטפול,
פאַר אים בין איך אַ לעבן קעמפן גרייט, —
ווו ס׳לעבן ברויזט, איז אויך די שׂימחה בלוטפול,
ווו אומרו מונטערט, קומט אַ שוואַלב — די פרייד.

דעם נײַעם דענק־שפּרוך דאַרף מען שלײַפן, טעסען,
אַז אין זײַן קיום זאָל נאָר עמעס זײַן,
וואָס מערער מענטשן, איז די שׂימחה גרעסער,
וואָס מערער אוילעם, — יאָמטעוו מער און שײַן.

דער עמעס

עזרא פינינבערגן

א שטרענגע זאך, א הארבע זאך דער עמעס,
זײַן אורטײל קריצט ער אויס אף העלפאנד־ביין.
מיט אים איז שווער, גלײַך ווי מיט פולע עמערס,
פון טיפן טאָל צום שפּיץ פון בארג דערגיין...

מיט אים איז שווער, נאָר יעדער שפּאַן איז פריידיק,
און ווו דו קומסט, א ווײנונג פאר דיר גריבט;
צום שפּיץ ניט קומען די, וואָס גייען ליידיק,
די פּוסטע טריט פארוויייט מיט שטויב דער ווינט...

באם האקן שטאָל, באם שלײַפן ווערטער — פּערל
דער עמעס איז פאראן אין יעדן שווונג,
און זון, און זיג נאָר אים אליין געהערן, —
און גיין מיט אים הייסט זײַן א לעבן יונג...

* * *

דו מעגסט זײַן װײַבלעך, מעגסט זײַן מענלעך,
און אײגנאַרטיק אָן אַ שיר,
סײַװי אַף עמעצן ביסט ענלעך
און עמעץ ענלעך איז אַף דיר.

און ס׳װאָרט, װאָס קומט פֿון װײַטסטע שװאַטים,
װאָס איז אַדורך אי שטאָל, אי שטײן,
זײַן אָפּקלאַנג טראָגסטו אין דײַן אָטעם,
און שפּעטער נאָך דיר קומט צו גײן

דײַן אָפּהילך, אַלץ זיך שאָטנט איבער,
זיך שלײַפֿט אָפּסנײַ, װי יונגער שטאָל,
און פֿרײד פֿון זיג, און טרױער־פֿיבער
מאַכט גרעסער נאָך דעם װידערקאָל...

* * *

ווײַסרוסלאַנד איז געווען מײַן וויגלאַנד־היים,
כ׳האָב דאָרטן ליב געהאַט דעם פֿרײַען וועסנע־רעגן,
נאָר איצט איז מיר מײַן בלוי, שטיל היימלאַנד קליין,
איך האָב צעזייט מײַן בלוט אויף אַלע וועגן.

עס רוט מײַן ברודער אין דײַן ערד, אוזבעקיסטאַן,
מײַן שוועסטערס זון, ווען ס׳איז געווען די שלאַכט אַנטשיידן,
אוועק איז אויף די סאָנים מיט אַ ביקס אין האַנט, —
די ערד פֿון לענינגראַד געשטילט האָט זײַנע ליידן.

ניט איבערציילן אַלע אייגענע און פֿרײַנט,
ניט אויסצורעכענען די אַלע ווײַטע ערטער,
דערפֿאַר דאָס גאַנצע לאַנד איז מיר מײַן היימלאַנד הײַנט,
און מיר עס לײַכט אַפֿילע, ווען צעשטערט ס׳איז.

* * *

װען אַלט כ׳בין אַ יאָר צװעלף געװען,
אין דאָרף כ׳האָב אַף אַ װאָגן
אַ מײדעלע אַמאָל דערזען,
כ׳האָב זי אין ערשטן מאָל געזען,
און כ׳האָב זי ליב געקראָגן.

דערנאָך איז אַ יאָר דרײַ אַװעק
מיט װינטן און מיט לידער,
מיט קינדער־שפּילן און געשלעג,
ביז אײנמאָל אין די פֿרילינג־טעג,
איז זי געקומען װידער...

און קײנמאָל ניט געזען שױן מער
כ׳האָב זי פֿון דאַן, — פֿאַרשװוּנדן...
נאָר ס׳דוכט זיך אַלץ מיר, אַז איך הער,
װי ס׳קלינגט מײַן זוניקער באַגער
און זאָגט מיר — זי װעט קומען...
זי װעט קומען...

* * *

א קערפּערלעכס, א קרעפּטיקס, ווי פון קיזל,
א צעלט פאר זיך צו אויסבויען איך זוך,
נאָר אויסצובויען קיינמאָל ניט באוויזן,
ס׳צעפּליט זיך מײַן געצעלט, ווי גרינגער פוך.

אַז כ׳טו אין זיבען מײַנע טעג א בלעטער,
דערזע איך, ניט איין פרײַנט פון זיי מיר קוועלט, —
„זיך בויסט א צעלט, דאָס קען מען עטוואָס שפּעטער,
דו בוי די וועלט אַן ערשט, זאָל זײַן א וועלט“...

כ׳באַדויער ניט, וואָס כ׳בין אין פרײַנט געראָטן,
כאָטש אָפטמאָל לאָך איך שטיל פון זיך אַליין,
דו בויסט, די וועלט זאָל אופגיין אָן א שאָטן,
און זיך דו קענסט ניט אויסבויען קיין היים.

* * *

פרעג אין שלאָף מיך, צי אין דרימל,
וואָס באַדאַרף איך, ווייס איך קלאָר?
— יאָ, דאָס טעלערל פון הימל,
נאָר דאָס טעלערל און גאָר.

זאָג, וואָס טראָג איך אין די טרוימען,
וואָס פאַרלאַנג איך און באַגער?..
— זוים פון ערד און פרוכט פון ביימער,
זוים און פרוכט און גאָרניט מער...

און וואָס וואָלט איך ווען גען געבן
פאַר מײַן פאָלק, דאָס ווייסטו אויך?
— יאָ, דאָס ליכט און גאָר דאָס לעבן,
ביז דעם לעצטן אָטעם־הויך...

* * *

א שטיין איז א שטיין, ער ליגט אף אן אָרט,
א מענטש האָט א וואָרט, וואָס די ווײַטן צעשפּאלט,
ס׳איז ליבע דאָס שטארקסטע, באפליגלטסטע וואָרט,
און איך האָב מײַן ליבסטע פארלאָרן אין וואלד.

אין וואלד איז געגאנגען א טונקעלער שליאך,
דער טוי איז געווען פרימאָרגנדיק קאלט,
געלעגן באַם וועג זײַנען ה׳רוגים א סאך,
און איך האָב מײַן ליבסטע פארלאָרן אין וואלד.

וווהין האָב איך זוכן געקענט זי דאָרט גיין?
פון הימל ניט ליכט, נאָר א פינצטערניש פאלט.
איז שרײַט איצט מײַן הארץ ווי א קינד, ווי א קליינס,
וואָס איך האָב מײַן ליבסטע פארלאָרן אין וואלד.

* * *

אָט דער פֿאַרדראָס עס פֿײַניקט מיך און מאַטערט,
און אופֿגערעגט בין איך שוין בלויז דערפֿון.
ווער זאָגט, אַז איך בין ייִנגער פֿון מײַן טאַטן?
ווער זאָגט, אַז איך בין עלטער פֿון מײַן זון?

מיר כאָלעמען זיך אַלץ נאָך אומרויִקע פֿלעצער,
און מיך דאָרט, דעם בונטאַר, דער טאַליען וואַרט.
און ווי דער פֿאָטער כ׳קען דעם פֿרידן שעצן,
און ווי באַם זון מײַן האַרץ נאָך שטרײַטן גאַרט.

ווי יוגנט, כ׳דאַרף מער ליכט אין מײַן שוואַרצאַפּל,
ווי זקיינים, ז׳מיר גענוג איין טראָפּן זון.
ווער זאָגט, אַז איך בין ייִנגער פֿון מײַן טאַטן?
ווער זאָגט, אַז איך בין עלטער פֿון מײַן זון?..

זאָל זײַן אזוי!..

זאָל זײַן אזוי!..
נאָר כ׳וועל מײַן קאָפּ ניט בייגן,
ווי ס׳בייגט א זאנג זיך טיף אראָפּ;
אלץ טיפער ווערט דער רונד פון מײַנע אויגן,
אלץ העכער ווערט דער ראַנד איבער מײַן קאָפּ.

זאָל זײַן אזוי!..
אז מײַנע טעג געשווומען
זײַנען, ווי א שיף, מיט ווײ צום ברעג;
איז דען ניט טײַערער איין טראָפּן פון מײַן קומען
פאר אלץ, וואָס איז צערונען אין מײַן וועג?!..
זאָל זײַן אזוי!..

* * *

און אָפט איך טראכט גאָר, אז ס'איז גוט,
וואָס יוגנט איז אדורכגעגאנגען,
עס האָט זיך איינגעשטעלט דאָס בלוט,
און אויסגעלייטערט די געדאנקען...

און אָפט איך טראכט גאָר, אז ס'איז פיין,
וואָס יוגנט איז אדורך, פארשוואונדן, —
ס'איז אומרויִקע רו אריין
אין הייסן קלעם פון דיינע וואונדן.

נאָר מערסטנס אָבער פיל איך בלויז,
אז דאָס נאָר אלץ איז א קלייזייען,
וואָס איך טראַכט אויס, וואָס איך קלער אויס,
קעדיי פון בענקשאפט זיך באפרייען.

* * *

ס׳פארגייט די קינדהייט, דורכגעבליצט און שוין,
און די דערמאָנונג בלייבט נאָר לויטער־קלאָר.
פארבליבן איז אין איר א בארנבוים,
א ווילדער בארנבוים, און דאָס איז גאָר!
א בארנבוים, א ווילדער בארנבוים!

ס׳איז ניט געווען בא אונדז קיין אנדער פלאנץ,
די בידנע בייטן ער האָט נאָר באהעלט
אין שפעטן אָסיען מיט זיין קופער־גלאנץ,
מיט קליינע בארעלעך, וואָס ברענען געל.
דער בארנבוים, דער ווילדער בארנבוים!

מיט סעדער־זון האָט מיך די צייט געגריסט,
מיט גערטנער גאָלד האָט מיך געגריסט די צייט,
נאָר קיין דערמאָנונג איז אזוי ניט זיס,
ווי אָט די הארבסטיקע, די ראָזע צווייג
פון בארנבוים, פון ווילדן בארנבוים!

* * *

ווען איך וועל זיך צעשיידן מיט דער ערד,
די זון אין הימל וועט מיר זײַן אַן איידעס,
אַז אַלץ, וואָס איז מיר טאָן געווען באַשערט,
געטאָן האָב איך באַטאָג אָן קיין שום סוידעס.

געליובט, געזידלט כ'האָב אין פּאָנעם גלײַך,
און קיינעם ניט געשיקט צום מאַלכאַמאָוועס.
די פרײַנטשאַפט איז געווען מײַן קיניגרײַך,
די סינע איז געווען נאָר אַף קאַטאָוועס.

פאַר זיך אַליין קען זײַן געַנוג דײַן וויי,
פאַר מענטשן אָבער טראָגן דאַרפסט אַ שמייכל,
און אויב מע וועט דערמאָנען מיך אַזוי,
דאָס איבעריקע בין איך אַלץ שוין מויכל.

* * *

און ווען די ערד וואָלט ניט געווען —
וואָלט איך ניט זײַן,
און ווען די זון וואָלט ניט געווען —
וואָלט איך ניט זײַן.

און ווי וואָלט זײַן, ווען איך ניט זײַן
זאָל אַף דער ערד?
וואָלט ערד געווען און זון וואָלט זײַן
אָן מיר אַף דר׳ערד.

און ס׳דריקט פון דעם מיך אַזאַ פּײַן,
איז ווי וואָלט זײַן?
און ס׳דריקט מיך שטאַרקער נאָך די פּײַן,
אַזוי ווערט זײַן...

* * *

גוט, וואָס לעבן קומסט ניט איינער
און צום טויט ניט איינער גייסט.
דריקן דיך ניט, ווי די שטיינער,
קלעמען אַלטע, גרוי און בייז.

„אַט אַזוי איז שוין דער סיידער״, —
פּרוּווסטו אײַנשטילן דײַן בלוט,
האָסט געגריסט אַ וועלט מיט פֿריידן,
שיידן זיך מיט זיי האָב מוט...

נאָר די שײַן, ווי אַ געוויטער,
פּאַרט עס טוט צו גיך אַ בלענד,
ס׳טוט אַ שלײַדער דיך פֿון מיטן,
און אָט דאָס איז שוין דאָס ענד...

און וואָס זײַן וועט ווילסטו וויסן,
אין אַ יאָר אַרום נאָך דיר,
און אין טויזנט יאָר, צעריסן
ווערסט פֿון בענקשאַפֿט אָן אַ שיר.

אזא בענקשאפט, שפאלטן שטיינער
איז פאר איר דאָך ניט צו גרויס...
גוט, וואָס לעבן קומסט ניט איינער
און צום טויט ניט איינער גייסט...

* * *

ווען דער וועג פונעם לעבן ווערט קירצער,
און העכער די הימלען, און ריין,
ווען דו הערסט אויף יענעם צו אירצן,
און דיך נעמט מען אירצן אליין,

ווען ליכטיקע, דורשטיקע טרוימען
א פלאמיקן גרוס שיקן דיר,
נאָר ס׳קומט פונעם אָוואר דער שוימער, —
דערמאָנונג צעעפנט א טיר,

דאן נעמסטו ווי פלאסטן צעלייגן
די יאָרן, א ריי נאָך א ריי,
און גליק טוט א בליץ פאר די אויגן,
און עפּעס טוט באנק דיר און ווײ...

* * *

פיל נאָענטע מיר זײַנען ליב און טײַער,
עס פרייט מיך זייער פרייד, מיך וויטעקט זייער צאר,
נאָר דיך איך היט, ווי לעצטן פונק פון זשאר,
ווי ס'האָט דער ערשטער מענטש געהיט דאָס פײַער...

2-2344

* * *

ווען געגאנגען בין איך דורכן טשערוועגער טראקט,
האָבן שטיינער און דערנער די פיס מיר צעהאקט,
איז געגאנגען מײַן פרוי מיט דעם קינד אף די הענט,
און ארום האָבן דערפער אין סרייפעס דערברענט.
און מײַן קינד האָט געכאזערט אזוי ווי א ליד:
וואסער גיט, וואסער גיט, גיט, גיט, גיט!..

* * *

איך פיל — מיר ווערן ביידע עלטער,
נאָר אונדזער יוגנט מיט איר שווּנג
וועט אין מײַן ליד פאַרבלײַבן יונג —
ס׳וועט אונדזער יוגנט ניט פאַרוועלקן.
און שטענדיק כ׳וועל די רעגע בענטשן —
יענעם שמייכל יענעם קלאָרן,
ווען ביידע מיר — צוויי פרעמדע מענטשן —
זײַנען אייגענע געוואָרן...

* * *

מײַן װײ איז אָן דיר, װי א װינט איבער װעגן,
מײַן פרײד איז אָן דיר, װי א זון אָן א רעגן...

זון פון מײַן בענקשאפט, װינט פון מײַן אומרו,
פרײד פון מײַן שמײכל, ליכט פון מײַן זומער...

מײַן אומרו א פרײַנט זײַ, מײַן בענקשאפט — א שותף,
מײַן פעסטקײַט — א קינד און מײַן צארטקײַט — א מוטער...

* * *

איך ווער פון קיין פריידן ניט יינגער,
און פון קיין ווייען — געוויס ניט;
און כ'ווייס ניט — דײַן קוש איז מיר גרינגער,
צי עס איז שווערער דײַן ביס מיר...
און, טײַערע מײַנע, איך ווייס ניט,
ס'איז שולדיק דײַן יוגנט די שלאנקע,
צי עפשער מײַן ליבע די גרויסע,
פארוואָס בין איך דיר אזוי דאנקבאר?..

ארום יאם

א זון פון לײַכטנדיקע גרוסן!
א יאם פון טיכלעך און פון הענט! —
און אלע זעג׳נען זיך און קושן,
נאָר מיר איז קײנער ניט באקענט.

דער יאם פארגײט אין בלויע רויכן,
כאָטש טו מיך, מײדל, דו א ריר;
זעסט — אלע שמײכלען, שמײכלען, שמײכלען,
און קײנער שמײכלט ניט צו מיר...

א זון, א יאם, און אלע קװעלן,
און קײנער טראכט ניט, אז איך בענק.
און ליכטיק יאָגן אָן די װעלן,
און יעדע מיר נאָר בענקשאפט ברענגט.

* * *

איך וואָלט גיין דורך זיבן יאמען,
ווען כ׳וואָלט קענען זען מייַן מאמען.
איך וואָלט בערג איין וועג צעשטערן,
כ׳זאָל אמאָל איר קאָל נאָך הערן.
ערד, שליס אוף זיך, הימל, עפן!
ערגעץ וועל איך זי ניט טרעפן!..

* * *

ס׳האָט פון גליק געזונגען מענדל,
איז פארבליבן א דערמאָנונג,
ניי אויס בינען אף מײַן העמדל,
אין מײַן הארצן האָב איך האָניק.

ס׳האָט דאָס לעבן זיך געביטן,
מיט א האק איז דורך א רויבער,
כ׳האָב אפולע דורכגעליטן,
נאָר ווי דאן מײַן הארץ איז זויבער.

ס׳איז נאָר צוגעקומען סינע
אין דער ליכטיקער דערמאָנונג,
ניי אויס אף מײַן העמדל בינען,
אין מײַן הארצן האָב איך האָניק.

2. קוואלן



* * *

די ערד האָט טויזנט קוואלן,
און טויזנט דורשטיקע בא יעדערן פון זיי,
און ביז די שאָ איז דיר ניט אויסגעפאלן,
דו שטייסט, ווי אלע, ווארטסט ארויס דיין ריי.

עס זיינען ווייט פאר דורשטיקע די ברונעמס
און זילבער־קאלטקייט זייער טיף באהערשט.
נאָר ביסטו מיט א גראָבייזן געקומען,
עס טיילט דיך אויס דיין ריי און לאָזט אן ערשט.

איך ליב פון קוואל דעם אומענדלעכן באָדן,
נאָך מערער ליב איך שטענדיק די,
פאר וועמען אָפגרונט דאָס איז זייער מי,
און זייער גרונט איז נאָר אין ווייטער גראָבן...

אָקטיאבער־לידער

1

דער זומער איז אוועק אַף כוואַליעס גאָלד,
די זון האָט אויך נאָך רו געגומען בענקען
און שטיל אוועקגיין אין א נעסט געוואָלט,
נאָר אַף די צווייַגן גאָר געבליבן הענגען.

געבויגן האָט דעם בוים א שווערע לאַסט,
ווי ס׳בייגט א האַנט דער קרוג, וואָס גייט פון ברונעם,
האָט יעדער איינער זיך דערוווּסט — א גאַסט, —
דער דורכזיכטיקער הארבסט איז אָנגעקומען.

2

א לוסטיק רעגגדל זיך זיפּט און זיפּט,
ווישט אָפּ דעם שטויב פון ליכטיקע בעריאָזעס.
די פארב פון גאָלד איז שטענדיק עטוואָס טריב,
נאָך טריבער איז דאָס אַלטע גאָלד פון אָסיען.

נאָר איצט איז ער אַף בארג און טאָל דער האר,
ער קומט צום טײַך מיט פולע קופּער־פעסער,
ער קומט צום וואלד, ווערט פול דער וואלד מיט זשאר,
און קיינער קאָן די סרייפע ניט פארלעשן.

3

פארלעשן קען דאָס פײַער קיינער ניט.
נאָר קיינער קומט גאָר ניט און וויל ניט לעשן.
אין שײַערן קאָלווירטישע דעם שניט, —
דאָס יאָר דאָס גאָלדענע מע נעמט שוין דרעשן.

א ווילדע טויב נאָך טוט א וואָרקע צארט,
די זון נאָך לײַכט, נאָר ס׳איז איר ליכט ניט הייס שוין.
דער גערטנער דער קאָלווירטישער עס ווארט,
מע זאָל דעם סאָד שוין נעמען טרייסלען.

4

אָט נעמט מען טרייסלען שוין די סעדער אויך,
די בלעטער שיידן זיך, ווי אומבאקאנטע,
די עפּל פאלן אין די גראָזן ווייך.
און ביימער בלײַבן שטיין, ווי נאָך א יאָמטעוו.

אין פורן און אין קאסטנס קלײַבן אוף
די פויערים די גרויסע גאָב פון זומער.
מיט פרישן היי און ווײַן עס שמעקט די לופט,
און, ס׳דוכט זיך, האָניק פילסטו אפן גומען.

5

ווי נאָך אַ יאַמטעוו בלײַבן ביימער שטיין,
דער יאַמטעוו אָבער וואַרט נאָך ערשט אפּריער;
מיט ערשטע פּרעסטעלעך ער קומט צו גיין,
מיט ערשטע שטילע אָנזאָגן פון שנייען.

ער קומט, ווען ערד פאַרציט אַ ווײַסע פעל,
און טונקל־ווײַס דער הימל ווערט פון אויבן.
און ווי אַ נעפּל לײַכט, און ווי אַ כאַלעם העל,
נאָך אַ בעל טוט אַ קוק אין גרויע שויבן.

6

אַלץ סומנער ווערט דעם פּאַסטעכס ליד; די קו,
זי וויל שוין אויך אָן אָרט אין ווייכע שטאַלן,
זי בענקט נאָך רו, דער פּאַסטעך בענקט נאָך רו;
אַף רו איז נאָר דער ווינט איצט ניט קיין באַלן.

ער טראָגט זיך פלינק און פרײַ, ער רוישט און ראַשט,
אין טײַך אין רויקן הייבט אויף אַ שוידער,
באַשיט די קליאַנען מיט אַ פּײַכטן אש
און אַף די סומנע וועלדער נעמט זיך הוידען.

7

עס קומט נאָכאַבער אָן. זײַן דינעם ליין
ער שפּרייט אַ ברויגעזער אַף אַלע שליאַכן.
פּאַרוואָס זשע איז מיר ליב זײַן קאַרגע שײַן,
גלײַך ווי דער שענסטער פרילינג זאָל איצט וואַכן?

איצט קומט נאָיאבער שוין. אין טיפן טאָל
אנשלאָפן ווערט דער בער, זיך זויגנדיק די לאפּע.
פארוואָס זשע ווער איך יינגער יעדן מאָל,
ווען אין מיין לאנד באווייזט זיך דער נאָיאבער?

8

פון פרייד א גרוס עס קען מיך מאכן יונג,
פון זון א טראָפן קען איך פריידיק ווערן,
נאָר אין נאָיאבער העלער פון דער זון
האָט אָנגעצונדן זיך דער רויטער שטערן.

פון אלדאָס אייגענע, וואָס פרייד איז ווערט,
וועט יענער טאָג מיך שטענדיק מערער פרייען,
אין טיפן הארבסט דאָס גליק פון נייער ערד
געבראכט האָבן אין לאנד די רויטגווארדייער.

9

ס'איז טיפער הארבסט, פון זון א לעצטער שטראל,
קיין זינג־פויגל ניטאָ. די וועלדער שטומען.
נאָר ווען דו הערסט, ווי דער אָרקעסטער שאלט,
פארגעסטו גאָר, אז ס'איז דער הארבסט געקומען.

אין אזא טאָג, אז ס'גייט דיין יוגנט אָפּ,
מיט זיך אליין ווילסט בלייבן שטיין א רעגע.
נאָר העכער הייב איך אויף מיין שטאָלצן קאָפּ,
אז יוגנט גייט מיר אומעטום אנטקעגן.

10

ווען יוגנט גייט, ווען ס׳גליט די רויטע פאָן,
ווען פלעצער וויגן זיך, ווען הימלען שוועבן —
מיר דוכט, אז זינגען הייב איך הײַנט ערשט אָן,
און יונג וועל איך דאָ זײַן דאָס גאנצע לעבן.

ווי קען איך אלט ווערן, איך פרעג אײַך, פרײַנט,
אין טאָג אין הארבסטיקן אין קלאָרן,
ווען כ׳זע, ווי פעסט עס שפאנט די יוגנט הײַנט,
אָט די, וואָס דער אָקטיאבער האָט געבאָרן?..

ווען...

ווען דו פֿאַרלירסט דײַן גוטס און האָב,
בלײַבסט, ווי אַ קינד, באַם אָנהייב טאָגן, —
איז שטאַרק דײַן האַנט, איז שטאָלץ דײַן קאָפּ,
וועסטו נאָך ניט אַזוינס פֿאַרמאָגן.

נאָר ווען דו ווערסט די ליבע אָן,
דיר בלײַבט ניט מער וואָס אָנצוּווערן,
ס׳פֿאַרשווינדט דאָן אַלץ, וואָס ציִען קאָן,
און ס׳ווערט דער קאָפּ אַ מאָרגן־שטערן.

אַ מאָרגן־שטערן — שטילערהייט
ער לאַכט פֿון נאַכט, וואָס ווערט צעריסן,
אַ מאָרגן־שטערן זעט די פֿרייד
פֿון טאָג, וואָס ער קען ניט געניסן.

נאָר אַזאַ מאָרגן־שטערן קאָן
אין מיטן וועג צעשיטן פּערל...
און ווען דו ווערסט די ליבע אָן,
וואָס האָסטו מער נאָך אָנצוּווערן?..

3*

* * *

1

שטענדיק ערנסט איז א שויטע,
שטענדיק וויצלט זיך א לעץ,
ניט דעם ערשטן, ניט דעם צווייטן
האָב איך קיינמאָל ניט געשעצט.

און אוואדע נאָר דעם דריטן
האָב איך ליב געהאַט, אָט דעם,
וואָס א לעבן האָט געליטן
און געקעמפט מיט קאלטן קלעם.

דעם, אף וועמען קיין האשפּאָע
האָבן ניט די קנעכט פון פּײַן,
דער, וואָס זעט אין הימלען בלאָע
ס׳ליכט, וואָס איז און דארף נאָך זײַן.

2

איך האָב פּײַנט אליין זיך רימען,
בעסער רימען מיך מע זאָל,

צווישן קלינגענדיקע שטימען
רײַס איך זיך ניט מיט מײַן קאָל.

כ׳גיי אדורך מײַן וועלט געלאסן;
זאָל נאָר גיין א לעבן לאנג,
מיט מײַן שמייכלענדיקן שפּאסן,
מײַן פארוואונדערטער געזאנג.

כ׳קלײַב מיט קיינעם זיך ניט גלײַכן,
ווײַל פארגלײַכן קען מען ניט
רויש פון וואסער — פולע טײַכן,
קלאנג פון אימפּעט — פולער ליד.

3

איך באדארף זיך ניט דערקלערן
אין קיין ליבע צו מײַן לאנד,
ווײַל אויב ליכטיק ס׳ברענט זײַן שטערן,
פילט עס מיט איר בלוט מײַן האנט.

ס׳לאנד איז מיר געווען א מוטער,
ווען געווען בין איך א קינד;
עס איז מיר געווען א ברודער,
ווען די יוגנט האָט געשווינד,

ווי א פײַל, זיך דורכגעטראָגן.
איצט א טאטע כ׳בין מײַן זון,
און ווי ווײַן א פולער לאָגל
שיקערט, לאנד, מיך אײַן דײַן רום.

4

גיכער זינגען, מערער זינגען,
שענער זינגען מאָל צו מאָל;
זאָלן מײַנע לידער־רינגען
קײַקלען זיך פון בארג צו טאָל.

איך פאר זיך דארף גאָרניט האָבן,
פאר די פרײַנט איך דארף א וועלט,
אופגראָבן, וואָס ס׳איז פארגראָבן,
אופשטעלן, וואָס ס׳איז פארשטעלט...

* * *

איך האָב געהאַנדלט ניט ווי היינע,
דײַן פּילאַרטיקן מין כ'האָב ניט דערקענט,
כ'האָב ליב באַקומען דיך נאָר איינע,
און דיך האָב איך געטראָגן אױף די הענט.

זאָלסט ליבע נאָכמאַכן זיך היטן,
ס'איז גלײַך ווי יעדער פּלאַגיאַט,
נאָר איך האָב אין דער שטיל געליטן
און טײַנעס נאָר צו זיך אַליין געהאַט.

כ'האָב גליק געוואָלט. ווער וויל קיין גליק ניט?
דו ביסט געווען מײַן ליכטיקסטער באַגער,
כ'האָב איינע דיך געליבט — מע דאַרף ניט מער,
און ס'האָט דאָס האַרץ אין מיר געטריקנט.

כ'האָב איינע דיך געקאַנט, נאָר קלאָר און גאָר
דײַן פּילאַרטיקן מין שוין כ'שטעל זיך פֿאָר.

ניט דערמאָנונג...

1

ניט דערמאָנונג פּירט מיך, פּירט מיך און פּאַרפּירט, —
אַ שטומער ווינט אין ווייען ווייִנט הינטער מײַן טיר.

אַ וויכער לעם מײַן פענצטער לאַכט און קלאָגט, און קניט,
און פון ווײַסן הימל פאַלט אַראָפּ דער צוויט.

גיי איך אין גאַס אַרויס, גיי איך אין שטוב אַרײַן,
— פאַרוואָס ביסטו, מײַן זון, אַזאַ פאַרקלערטער הײַנט?

צי דיר טוט וואָס באַנק, צי דיר טוט וואָס ווײ?
אין אַזאַ געוויטער איז דאָסראָוו אַזוי...

— ניין, מיר טוט ניט באַנק, ניין, מיר טוט ניט ווײ,
ס'פאַלט פון ווײַסן הימל אַזאַ ווײַסער שניי;

און דײַן קאָפּ ווערט ווײַס, און דײַן קאָפּ ווערט גרוי,
און דער ווינט בלאָזט ווילד... ניין, מיר טוט ניט ווײ...

קוקט די מאַמע, קוקט... און אין „פראָסט־און־פריר״
דער שטומער ווינט אין ווייען שפּילט הינטער מײַן טיר.

2

כ׳האָב קיינמאָל ניט געטראַכט, מײַן זון זאָל שרײַבן ביכער
מאַלע וואָס דערטראַכטן קאָן זיך ניט אַ מענטש;
איך האָב געהערט, אַז שרײַבן איז אַ גרויסער יִכוּס,
און אַפילו מאַמעס וואָלטן זיך געבענטשט,
מיט זין אַזוינע
זײַן באַרימט צו גוטן איז געוויס ניט שלעכט.

נאָר עפּעס ווען דו קומסט, ביסטו אַזאַ פאַרקלערטער,
אַז צײַטנווײַז דערשרעק איך זיך פאַר דיר.
איך הער גאַנץ אָפט — דו מורמלסט פאַר זיך ווערטער
און כאַזערסט אַלץ זיי איבער אָן אַ שיר.

אַזוי זײַנען דאָס אַלע די, וואָס שרײַבן לידער,
צי נאָר איינער — דו ביסט, זון מײַנער, אַזוי?..
— הערסטו, מאַמע, אַפּן גאַס אַזאַ געוויטער,
ס׳וועט די פענצטער באַלד פאַרשיטן אויך דער שניי...

3

ס׳דערציילט מײַן מאַמע מיר אַפילו שיינע מײַסעס,
ניט קיין אויסגעטראַכטע — נאָר פון טיפן וואָר.
אָ, איר קלאָרער קאָפּ, וואָס הייבט זיך אָן צו ווײַסן,
זאָל ער לויכטן מיר ביז הונדערט צוואַנציק יאָר!..

* * *

1

דער הימל איז טיף, און איז בלוי, און איז הויך,
ווי לאנג, ווי אמאָל, ווי פאַרצײַטנס,
נאָר מיר דוכט — איך זע אים אין פײַער און רויך
מיט פייגלען, וואָס פאלן אין שײַטערס.

עס שטייען, ווי פלייצעס צעהאקטע, די ווענט,
די פענצטער, ווי אָפּגרונטן בלינדע,
און מיר דוכט, ניט פליגלען עס פאָכן, נאָר הענט,
און ס׳שרײַען ניט פויגלען, נאָר קינדער.

2

אין כורבן איז אויך דאָ א ליכטיקער טראָפּן, —
בא בערג פון צעפאלונג א גרינער צוקאָפּן.
און אונטער די גראָזן דער טרויער באהאלטן,
און ס׳ליגן זיך פייגלען אין מויערשע שפאלטן.

און קינדער, וואָס לערנען זיך לעבן אין שפּילן,
די שטילקײַט מיט פרישן געלעכטער פארהילן.

3

נאָר אָט אױף די קופּעס צעשאָטן, װי ראָבן,
די פּײַנטלעכע זעלנער מיט רידלען זיך גראָבן,
זײ זײַנען איצט גוט, זײַנען שטיל און באַשײדן,
זײ קענען אַפֿילע שױן שמײכלען און רײדן.

זײ בײגן זיך „ביטע” און בײגן זיך „ביטע”,
און קוקן דו קענסט ניט אױף זײ אָן קײן ביטל.

4

אָרעמע, אײנזאַמע, ייִדישע הײַזער,
שטײען באַ װעגן, װי זײגערס אָן װײַזערס,
װוּ זײַנען אײַערע טױשװוים אצינדער?
אױף די בײסאַלמענס די מאַמעס און קינדער...

קנאַפּ פֿון זײ האָבן צו אײַך אומגעקערט זיך,
ייִדישע הײַזער, צעװאַקסט און פֿאַרמערט זיך...

מײַן וואָרט

מיר האָבן דאַן געפירט א שלאַכט,
דער פײַנט האָט זיך אין לאַנד געבראָכן,
געפּאַקט האָט ער אמאָל פאַרנאַכט,
ווי פלוגבלעטלעך צעטיילט א באָכער.

— אזוי, ביסטו א באָלשעוויק? —
דער יונג האָט ניט דערווידערט.
און ניט געזען שוין האָט זײַן בליק
דעם טאָג און די כאַווײַרים ווידער.

אין א צימער קאַרג מיט ליכט,
פון די קייטן — שווערע רינגען,
קורץ געווען איז דער געריכט,
נאָר די שפּאָרן דינע קלינגען.

„פאַר דעם און דעם. פאַר דעם, וואָס בונט
און אומרו האָט זײַן וואָרט געזייט —
האָט דער געריכט באַשטימט: אים קומט
די שטראָף די סאַמע העכסטע — טויט.

איך בין א קינד געווען נאָך דאָן.
הײַנט זוך איך ווערטער אויך אזוינע,
מיר זאָלן דריקן פרײַנט די האנט,
און טויט זאָל ווינטשן מיר דער סוינע.

* * *

ס׳נאַריש ייִנגל טראַכט צו גראַמען,
פּאָרט צונויף און ס׳קלינגט צוזאַמען,
איז ער אויפֿן זיבעטן הימל, —
ער איז דאָך אַ זינגער...

פּײַער כ׳פּאָר צונויף מיט פּײַער,
באַקט דאָס האַרץ, און ס׳ווילט זיך שרײַען,
קלעם איך זיך און צווינג זיך שטומען,
איך בין דאָך אַ זינגער...

מע הערט אויס דאָס נאַריש גלעקל,
און מע טוט אַ קניפּ אין בעקל,
„פֿײַנע לידער, גרינגע לידער“,
איז ער שוין צופֿרידן...

פֿונקען פֿרייד און טראָפּנס טרערן,
שעלט מען מיך, מע וויל ניט הערן,
בענקט מען,
ווײַנט מען,
הערט מען ווידער,
בין איך אויך צופֿרידן...

שיין איז דאָס לעבן

שיין איז דאָס לעבן צו אכצן יאָר,
די ערד איז אַ קוואַל, און די וויַיט איז אַן ריגלען,
דער הימל איז ברייט, און די ברייטקייַט איז קלאָר,
און ס׳פעלט אויס דיר איינס נאָר — צוויי פליגלען.

שטארק איז דאָס לעבן צו דרייַסיק יאָר,
עס רייַפן די סעדער אין גאָלדענעם פלאטער,
דו גייסט און דו שטייַגסט, און דו זינגסט
מיט דייַן דאָר,
און צארט זאָגט דייַן אויפל דיר — „טאטע".

ברייט איז דאָס לעבן צו פופציק יאָר,
פון פעלדער געבראכט שוין די גאָלדענע זאנגען;
און ס׳וויגט דיך און ס׳וועקט דיך דער זוניקער כאָר,
פון דעם וואָס געווען און פארגאנגען.

דער וועג איז אַ וואַלד־וויג צו זיבעציק יאָר,
און ס׳קלייַבן כאווירים און פרייַנט זיך צוזאמען,
מיט הערצער מיט יונגע, מיט זילבערנע האָר,
דערמאָנען אַן שטורעם, אַן פלאמען.

און דערווײַל ווערט דעם אייניקל אַכצן יאָר,
און ווידער די זוניקע ערד איז אָן ריגלען,
און ווידער דער הימל איז ברייט און איז קלאָר:
דאָס אייניקל בענקט שוין נאָך פליגלען.

אין אויג מײַנס...

אין אויג מײַנס — א שווארצאפל איינער,
א הארץ אין מײַן ברוסטקאסטן איינס נאָר,
א יוגנט געהאט האָב איך איינע,
איינמאָל האָט איר צווייט געשנייט,
און א געליבטע געהאט האָב איך איינע,
דו ביסט עס, שיינע, מײַן שיינע,
מײַן פרײַנט,
מײַן פרייד.

א שטיפער א זון האָב איך איינעם,
א טאָכטער א פײַנע כ׳האָב איינע,
א פאָטערלאנד איז בא מיר איינס נאָר:
און אים בין איך אייביק געטרײַ.
א בלוטיקן פײַנט האָב איך איינעם.
און סאָנימלעך פיצינקע קליינע
גיי איך שטענדיק פארבײַ.

איין ליבע איז שטארקער פון אלע,
איין סינע איז גרעסער פון אלע,
איין טרוים־בארג איז העכער פון אלע,
ריינער פון אלע — איין לייד.

און אָט — צי געווינען, צי אַלצדינג פאַרפאַלן,
עס זײַנען זיך שווערדן צוזאַמענגעפאַלן
אין ראַנגל, אויף לעבן און טויט.

און סינע צו סינע — פינצטערער וואָלקן.
און ליבע צו ליבע — אַ בליץ אין די וואָלקנס,
און וואָלקנס אין וואָלקנס
זיך שנײַדן מיט דונערס אַרײַן,
און פאָלקן אויף פאָלקן,
און פאָלקן אויף פאָלקן,
נאָר זיגן וועל איך און די שײַן...

* * *

ערשט נאָך נאַקעטע געשטאַנען,
און שוין ווידער נאַקעט.
אף בעריאָזעס און קאַשטאַנען
האָט דער זומער אָפּגעברענט
און אַדורכגעפּלאַקערט.

ערשט האָט נאָך אף ברייטע שליאַכן
שטיל דער וואַלד זײַן ליד פאַרצויגן,
אָמאַר מענדל: זאָגט מענאַכעם, —
וווּ איז זי? — אַדורכגעפלויגן...

ווידער וועט אַ זומער קומען,
אָנטאָן בוים אין בלעטער,
פון די וועלדער פון איהומען,
פון די באָרן פון מאָזיר,
ביז דער טײַגע וועט ער.

און אַ נײַער ווינט וועט ברומען,
קלינגען וועט אַ נײַער ניגן,
און די קליאָנען וועלן שטומען,
וועלן וויגן זיך און וויגן...

הארבסט

1

עס רוט נאָך שטיל דער גריבנער סטעפּ,
פאַרהילט אין רייכעס דופטיק־זיסע,
ווי האָניק, ווען פון בינשטאָק שעפּט
דער פּויער אים צו זיך אין שיסל.

די סעדער דרימלען פייכט פון טוי,
אין פּרוכטן צייטיקע פאַרשיקערט.
עס שמעקט, ווי וואקס, געשמאַק דאָס היי,
דאָס ווילדע גראָז, וואָס דאַרט און טריקנט...

נאָר בלאַט צו בלאַט, און זאַנג צו זאַנג
אַ סאָד פאַרטרויען איינס דעם צווייטן, —
מיט מידע וואָרצלען און מיט שטאַם
וועט באַלד דער זומער אונדז צעשיידן...

2

דערווייל די ווייט אין גריבנע שפּיגלען,
נאָר וווּ־ניט־וווּ לייכט ראָז אַרויס

איין דינער רוט, איין בלעטל בלויז,
איין בוים מיט אָפּגעפּאַרבטע פליגל.

דערווײַל — אַ גאָלדענע געפאַר, —
די פליגלען פלאַמען בײַ דעם זומער.
און נידעריקער ווערט דער ברונעם,
ווו ס'שעפּט די זון איר זיסן זשאַר.

דערווײַל דער האַרבסט אַף טעג אַף זאַטע
זיך לאָזט אין שײַערן אַראָפּ,
און אַף אַ בוים אַ הוילן פלאַטערט
אַן עלנטע, אַ שוואַרצע ראָב...

4-2344

צוועלף אזייגער

אין אָט דער רעגע
וואָס קומט פאָר?
איך ווער עלטער אויף א יאָר
און גאָר...
און גראָד בין איך אין שטוב אליין,
נאָר בענקען איז דאָך איצט ניט שיין,
ניט פיין,
און איך גיס אָן א גלאָז מיט וויין.
מיט וועמען זאָל איך טרינקען,
אז כ׳בין אליין אין שטוב?
פאר וועמען זאָל איך זינגען,
אז כ׳בין אליין אין שטוב?
און איך גיס אָן א צווייטן בעכער,
נעם ביידע אין די הענט,
איך האָב אזויפיל פריינט
אהינטער אָט די ווענט,
לעכאַים, פריינט,
לעכאַים!
און כ׳ענטפער אנשטאָט זיי, צו זיך —
— לעכאַים!

קום טרינקען היַינט
און זינגען פֿארן ניַי־יאָר.
צי האָסטו ניט קיין ניַיע ליד?
צי איז ניט מונטער דיַין געמיט?
איז טרינק מיט מיר
און טרינק מיט מיר...
און אין דער רעגע איך דערהער א קלאַפּ אין טיר.
א פֿריַינט,
א פֿרייד,
קום, ברודער, קום אריַין,
דיַין קאָס איז גרייט!

אף דײַן וועג

ווען דו האָסט אָנגעטאָן דאָס רענצל,
האָב איך געוווּסט — דײַן וועג איז ניט קיין גרינגער,
און דאָך אף דעם האָב איך זיך ניט געריכט...
דו ביסט געווען א טענצער,
דו ביסט געווען א זינגער,
און ס'איז פאַר מונטערקײַט דאָך פּאסיק זון און ליכט.

דו ביסט געווען א פלינקער און א שלאנקער,
און אלץ אוועק איז פלוצלינג, ווי א שאָס.
עך, יאשע!
יאקאָוו!
יאנקל!
נאָר שטיל זיך וויגט דאָס גראָז...

מיר דארפן נאָך דעם פײַנט אזויפיל דאָ באצאָלן,
דײַן האנט צו ליבע און צו האס איז ברייט געווען,
כ'וועל דיך באגעג'נען נאָך אין כאָלעם,
און דו וועסט מיך אין כאָלעם אויך ניט זען.

* * *

בער אָרשאַנסקין

פון אַלע קרענעצעס די ריינסטע איז די ליד,
מע מוז עס מיטן האַרץ פון דעק דערהויבן,
און דער, וואָס האָט מײַן ערשטן וואָרט געהיט,
האָט איצט אַף אײביק צוגעמאַכט די אויגן.

באַם אָפּשייד־ראַנד אַלץ אויסגעלײַטערט ווערט,
ס׳פאַרגייען וואָלקנס, ווינטן מער ניט שטויבן,
און אַלץ, וואָס האָט זײַן בליק אַמאָל באַגערט,
עס קוקט אַף דיר איצט בענקענדיק דערהויבן.

פאַר דורשטיקע קיין קוואַל די ערד האָט ניט געגרייט,
נאָר אויב דער גליוועך גיט אַליין זײַן גאָב ניט,
איז יעדער זאַמד א ברונעם דיר אַנטפּלעקן גרייט,
ביז סאַמע גרונט, נאָר ווער ניט מיד צו גראָבן.

און ער געשפּאָלטן האָט, געברעקלט גרויען שטיין;
ס׳פאַרגייט דער גרעבער, נאָר דער שטראָם בלײַבט איבער,

און כ׳וועל געדענקען דיך, ווי יענע ווײַטע היים,
און ס׳בייגט דער קאָפּ זיך צו דער ערד א טריבער.

די ווײַלע פון געזעג׳נונג — בענקשאפט שטענדיק מערט,
ס׳דערמאָנט א רעגע, וואָס דו ווילסט פארטרײַבן;
נאָר לויב צו יענעם, וואָס פאר מי איז אים באשערט,
די ליד, — א דאנק, און אָנדענק זאָל אים בלײַבן.

רעגעס

אָ, קליינע רעגעס פון דער ערד,
איר זײַט ווי אייביקײַט מיר טײַער,
ווען ס'זאָל מיר טויזנט מאָל באשערט
דאָ גליוער זײַן,
פארביטן וואָלט איך אים אף איין מאָל פײַער...

אף איין מאָל דורכגיין מיט געזאנג,
מיט פולן הארץ פון קלאָרע ווייען,
און פילן בענקענדיק דעם קלאנג,
פון טריט, וואָס קומען און פארגייען...

ווען איך זאָל אייביק גליווער זײַן,
כ'וואָלט אייביקײַט פארביטן אף איין רעגע
פון לייד,
פון פײַן
און פון געזאנג,
פון שלאכט און אומרוען אנטקעגן...
אָ, קליינע רעגעס פון דער ערד!..

ס׳דערמאָנט זיך

ס׳דערמאָנט זיך א הילצערן שטיבל,
ס׳דערמאָנען זיך נאָענטע נעמען,
און ס׳ווערט די דערמאָנונג אי ליב דיר,
אי אפן הארצן נעמט קלעמען.

אין שטיבל — א באָבע, א מאמע,
און ברידערלעך, שוועסטערלעך קליינע,
און נאָכדעם די ליבע נעמט פלאמען,
דאָס מיידל — א וווּנדערלעך שיינע.

און נאָכדעם פון ווען און פונוואנען,
עס האכט זיך, געווען איז עס נאָרוואָס,
עס כאפן איַיך אופעט די באנען:
אויס זאמדן, אויס שפילן זיך באָרוועס.

און נאָכדעם די שטערן — זיי הענגען
די זעלבע אף גאסן און באָרן,
פון וויַיטן די געסט קומען שטרענגע
שוין נאָר אף א וויַילע צו פאָרן.

אצינדערט, ווען כ׳זע נאָר א שטיבל,
כ׳דערמאָן זיך די נאָענטע נעמען,
שוין נאָר פון דערמאָנונג פון ליבער
עס נעמט אפן הארצן מיך קלעמען.

צו א קינד

כ׳האָב א רעגן דיר געשענקט א קנאַפּע,
נאָר געגעבן דיר א רויטן עפּל
און א גלעט געטאָן איבערן קעפּל,
רופסטו, קינד, מיך אָן שוין: „פּאַפּע״.

ס׳איז דײַן טאַטע ווײַט, פאַר טויזנט ווערסטן,
אומקערן ער וועט זיך נאָך ניט גיך.
אפן פּײַנט אוועק ז׳ער פון די ערשטע,
רופסטו, אייפל, „פּאַפּע״ מיך.

נאָר אין ווײַטן, וווּ דײַן פּאָטער איז אצינדער,
וווּ אין פעלדער גייט א הייסע שלאַכט,
כ׳האָב א פרוי, און כ׳האָב דאָרט אויכעט קינדער,
און עס קען זײַן, דאָרטן, אין א נאַכט,

אונטער שײַן פון פײַער־בראַנד,
וווּ קוילן פײַפן, באָמבעס יאָגן,
דײַן פאַטער האָט פון סוינעס האַנט
מײַן קינד געראַטעוועט, ארויסגעשלאָגן

און א גלעט געטאָן עס איבער קעפּל.
צאַרט האָט אָנגערופן „פּאַפּע“ אים מײַן קינד,
מײַן שטיפּערל, דו שײנס, נעם נאָך אַן עפּל,
זאָל עס זײַן דיר צו געזונט...

* * *

כ׳טו אויס דיך פֿאַרן שלאָף,
איך טו דיך אָן באַגינען,
און שווער איז פֿאַר אַ נאַכט
אָן ענדערונג געפֿינען.

נאָר אָט גייט דורך אַ וואָך,
און דו וואַקסט עטוואָס אונטער,
אַ כוידעש גייט אַדורך, —
דײַן וואַקסן מאַכט מיך מונטער.

אָט איז אַוועק אַ יאָר —
דו שטייסט שוין אויף די פֿיסלעך,
אַליין דו הייבסט אָן גיין
און ריידן נעמסט צוביסלעך.

כ׳זאָל זאָגן דיר, ביסט ליב,
וועסטו דאָך ניט באַנעמען,
מײַן בלוט שלאָגט אין דײַן האַרץ,
מײַן ליכט — אויף דײַנע ברעמען.

און ווו איך זאָל ניט זײַן —
פֿון נאָענט, פֿונדערווײַטן, —
אין דיר איך קוק זיך אײַן:
דו האלטסט זיך אין איין בײַטן.

און ליבער יעדעס מאָל,
און יעדעס מאָל געטרײַער,
ס׳קומט צו א נײַער קער,
ס׳קומט צו א קלאַנג א נײַער.

כ׳האָב אלע קינדער ליב,
נאָר דו ביסט פֿאָרט מיר ליבער,
מײַן לעבן רײַפֿט אין דיר —
אין דיר איך גיי אריבער.

מײַן ערשטלינג ביסטו, זון,
און דאָס איז, ווי, מײַן עמעס.
איך האָב א זון געהאט,
און דו, מײַן קינד, פֿארנעם עס:

זאָלסט קיינמאָל אף דער ערד
דעם סוינע ניט פֿארגעבן
פֿאר אלדאָס בייז, וואָס ער
האָט אונדז געטאָן אין לעבן.

ביסט צוויי מאָל ערשטלינג, קינד,
און צוויי מאָל ביסטו ליבער,
און צוויי מאָל מוזסטו זײַן
געראָטענער דעריבער.

פֿאר צווייען — זײַן געוואגט
און ארנטלעך אינדרײַען;
און צען מאָל מעכטיק זײַן
אין שלאכט זאָל דײַן קלייזײַען.

מייַן דערמאָנונג

דערמאָנונג, ווי א מוטער־האַנט,
האָט נאָך ניט לאַנג געוועקט מייַן גלויבן,
און ניט געלאָזט מייַן מוט בארויבן,
ווען ס'איז אין בלוט געווען מייַן לאַנד.

איצט איז מייַן לאַנד פון סאָנים פרייַ,
נאָר מייַן דערמאָנונג טוט אַלץ טאָגן...
איר דוכט, זי הערט, נאָך הערצער שלאָגן
זיך דאָרט אין פעלד, וווּ ס'בליט איצט מייַ.

נאָך יאָמטעוו כ'דורשט, נאָך פרייד איך לעכץ,
און האָבן כ'וויל די ווייַט אנטקעגן,
נאָר מייַן דערמאָנונג וואַכט אף וועגן, —
וווּ ס'בלאָנדזשעט אום נאָך בייז און שלעכטס.

אזוי אף יעדן שריט און טריט,
עס זאָל קיין צאַר מיך ניט הערשטיקן,
כ'זאָל פון קיין זיג ניט ווערן שיקער,
מיט מיר גייט מייַן דערמאָנונג מיט.

אפן דעק פונעם הימל

איך לעב אפן דעק פונעם הימל,
און איבער מיר ציט זיך א שליאַך
פון שטערן אין אייביקן דרימל,
און אונטער מיר שטום איז די נאַכט.

נאָר דאָ אין די נעכט און די גינענס,
פאַרצויגן מיט פײַער און רויך,
איך שמיד און איך קלער אויס מאַשינעס,
אף שטײַגן אהין, אין דער הויך.

און טו איך א פלאַטער, א קלעטער,
אהין אין די בלויען צעהעלט,
די רעגע, און ווײַטער, און שפעטער
מיט מיר פרייען פרײַנט זיך א וועלט.

איך לעב אפן דעק פונעם הימל,
און דאָ איז מײַן דיל און מײַן דאַך,
און איבער מיר ציט זיך א דרימל,
און אונטער מיר שטום איז די נאַכט.

5*

און ווײַל כ'וועל ניט קענען זי מײַדן,
איך פֿיל, ווי די נאכט אף מיר גייט,
איך וויל, ווי א בליץ איבערשנײַדן
די ערד אין דער לענג און הער ברייט.

און זאָל זיך דאָס פײַער צערינען,
פֿארטרײַבן דעם שטויב און דעם רויך,
פֿונדאנען, פֿון דעק פֿון דעם הימל,
אהין אין דער בלוי, אין דער הויך...

* * *

ס׳האָט דורכגעטראָגן זיך א בליץ
און צוגערויבט אַלץ, וואָס איז טײַער,
און דו איצט שטיי, און גיי, און זיץ,
און טראַכט זיך צו א וועלט א נײַע.

דעם וואָגיק־ווערטלענדיקן שטוס
איז גוט אַן אײַנפאַל אַף א גראָשן,
נאָר דו ווילסט ברענגען פרײַנט א גרוס,
און ס׳דריקט די ווײ און ווערגט דײַן לאָשן.

דו וועסט ניט אופלעבן צוריק
די העלדן, ווי פארשטומטע קוואַלן,
און ס׳איז דײַן הארץ א טרויער־וויג,
פון וועלכן ס׳קינד ז׳ארויסגעפאַלן...

ניט שטילן זאָל דער צאַר קיין האָר
נאָך זיי, נאָך די באַליבטע נעמען,
ביז אונדזער זינגענדיקער דאָר
וועט זייער אָרט דאָ ניט פארנעמען...

פירלינג

ס׳גייט א פרוי מיטן ערשטלינג צו קינד,
ס׳גריסט דעם יונג מיטן יאם־רויש דער ווינט.
ס׳ערשטע מאָל פילט דער גיבער זײַן לאסט,
ס׳ערשטע ליד האָט דער דיכטער פארפאסט.

ס׳ערשטע טראָט האָט דאָס אייפל געשטעלט,
ס׳ערשטע וואָרט זאָגט דער זינגער דער וועלט...
אלדאָס ערשטע אף דר׳ערד אין דער לופט
כ׳האָב מיט ציין און מיט אקסל געפרווט.

און פארליבט כ׳בין אָן סאָף און אָן ענד
אין דאָס ערשטס, אין זײַן ליכט, אין זײַן בלענד...

פינף און פופציק בין איך דאָך שוין אלט,
פינף און פופציק א ריזיקער וואלד,
ניט פון אָנהייב און ניט פון דער מיט,
נאָר פון אָפגרונטן ציט זיך דײַן ליד.

איז פארוואָס אזוי גרינג מיר און שווער
טראָגן ס׳אָל און זײַן שטום, ווי דער בער,
און פארליבט זײַן אין זאמד און אין בלוי,
ווי אין ערשטלינג אין אירן די פרוי?..

ס׳ערשטע טראָט, ס׳ערשטע וואָרט, ס׳ערשטע שײַן
בעמסטו אוף, ווי ס׳קען אנדערש ניט זײַן,
מיט איר וויי, מיט איר פרייד, איר געזאנג,
אָבער איך דאָך פארשטיי שוין פון לאנג,

אז ס׳איז פראָסט א געבענטשטער געשאנק
און פון דעם איז מײַן הארץ פול מיט דאנק.
און מײַן אויג פול מיט בענקענדן בלענד, —
ס׳האָט דאָך אלץ זײַן דאָ אנדערש געקענט.

און דערפאר, וואָס ס׳איז טאקע אזוי,
הילכט מײַן הארץ, ווי א זילבער־געשריי.
גרייט, ווי ס׳באבעלע, פאלן אין פלאם,
פאר דער פרייד, פארן גליק פון זײַן שטאם.

נאָר איין טאָג אָט די באבעלע לעבט,
און זי דארף ניט קיין טויזנטער טעג,
איר געניגט פון דער זון איז איין בלענד,
און די פליגעלעך ווערן פארברענט.

איך וואָלט אייביק דאָ לעבן געוואָלט,
ווײַסער שניי, גרינע גראָז, בלעטער גאָלד,

איך וואָלט טראָגן די פרייד אַף די הענט,
און וואָלט אָנלויבן זיך ביט געקענט.

פון דעם וווּנדער, וואָס בלוי־ערד פאַרמאָגט,
נאָר ס׳וועט זײַן דאָך דאָ איינער א טאָג,
וואָס וועט קומען און זאָגן מיר הארב:
ס׳איז געענדיקט דײַן קלאַנג און דײַן פארב.

נו, איז וואָס? — וועט מײַן ענטפער אים זײַן.
איך בין גרייט. ס׳בלײַבט מײַן ווײ דאָ, מײַן שײַן,
ס׳בלײַבט מײַן אומרו, מײַן קינד, מײַן געזאַנג.
און פאַר דעם און פאַר אַלצדינג מײַן דאַנק...

* * *

אין מײַן פֿאַמיליע זײַנען אַלע שרײַבער —
דאָס ווײַב און קינדער, אַלע, אויסער מיר.
און איך בין אַ פֿאַרליבטער פּערל־קלײַבער,
און כ׳מיין, אַז איך קלײַב פּערל אויף פּאַפּיר.

די קינדער שרײַבן וועגן זייער לערע,
די פֿרוי וועגן איר קלאַס, איר שול, איר מי,
און איך — איך הער נישט אויף פֿון ווײַטע שטערן
צו זינגען יעדער נאַכט און יעדער פֿרי.

די קינדער גרייטן זיך צו אַן עקזאַמען,
די פֿרוי גרייט פֿאַר די שילער אַ קאָנטראָל,
און איך, אין וועמעס האַרץ די לידער פֿלאַמען,
איך שפּיל בײַ זיי אַ צווייטע, דריטע ראָל.

צו אַן עקזאַמען גרייט איך זיך נישט האַיאָר,
איך דאַרף נישט אויף דער אַרבעט צום סעקונד,
וואָס דאַרף איך קריגן זיך מיט אײַך, געטרײַע?
איר זײַט מיר בעסער קרעפּטיק און געזונט.

ס׳איז מײַן עקזאמען יערלעך, טעגלעך, שטענדיק,
און צו דער צײַט כ׳מוז קומען אומבאדינגט.
ווײַל ניט קיין שאָ, — אָן דעם דאָס לעבן ווענדט זיך,
און לעבן מוז איך, ווײַל מײַן הארץ דאָך זינגט.

מײַן פּאָלעסיע

1

און בלאָנדזשענדיק פֿון דעם, וואָס איז געווען,
צו דעם, וואָס איז און וואָס פֿאַרויס עס וואַרט,
איז טײַער פֿאַרט מיר, ווי די גאַנצע וועלט, פּאָלעסיע,
מיט די ברונעמער און בושלניעס אויפֿן טראַקט.

און כאָטש מיר זײַנען אַלע מענטשן ברידער,
און שוועסטער, באַקאַנטע און פֿרײַנט,
נאָר ליבער פֿון דער גוטער סטעפּאַנידע
איז קיינער ניט געווען און ס'וועט ניט זײַן.

עס רופֿן אַלע זי די באָבע סטעפּאַנידע,
זי איז ניט הויך אין וווקס, ניט פֿול אין גוף,
נאָר אַלע ווײַסרוסן און אַלע ייִדן
גלײַך ווי דעם בעסטן גאַסט זי נעמען אויף.

2

עס גייט אַ פֿרוי צו קינד — איז זי אַ באָבע.
אַ יונג ווערט רײַף, איז איר די שׂימחה גרויס.

פון סאָד־רויבער אַן אייצע וועט זי האָבן,
ווערט איינער שוואַך, רעפּוּעס זוכט זי אויס.

נאָר דאָס איז אַלץ פון דעם, וואָס איז געווען,
און גייענדיק צו דעם, וואָס ווערט פאַרויס, —
איז קלאָר מיר איינס, מײַן היים־קאַנט, מײַן פּאָלעסיע,
אַז ווי מײַן ליבע צו דיר, איז דײַן צוקונפט גרויס.

* * *

איך בענק נאָך פרײַנט אציגד אין זילבער־גראָווקײַט,
אזוי נאָר, ווי אין יוגנט בענקען פֿאסט.
און לעבן לעב איך שטיל אין סאלטיקאָווקע,
און זעלטן ווען סע קומט צו מיר א גאסט.

פון פרי ביז נאכט די גאנצע טעג פֿארנומען,
די קינדער און די פרוי, ווי אין א נעסט,
און ס'ארט זיי ניט, עס זאָל קיין פרײַנט ניט קומען,
עס איז אָן דעם דאָך קליין זיי דער מעסלעס.

נאָר מיר, ווען די צײַט איז נאָך מער טײַער,
וואָס אף די פלייצעס מיר זי לייגט זיך שטרענג,
איך בענק נאָך פרײַנט, ווי א דערפראָרענער נאָך פײַער,
ווי א פארוורטיילטער נאָך פרײַהײַט בענקט.

איך בענק נאָך פרײַנט אצינד אין זילבער־גראָווקײַט,
אזוי נאָר, ווי אין יוגנט בענקען פֿאסט,
און לעבן לעב איך שטיל אין סאלטיקאָווקע,
און זעלטן ווען סע קומט צו מיר א גאסט.

שפעטער הארבסט

(פון אמאָל)

פראגמענטן.

1

שפעטער הארבסט, — א שניי, א רעגן,
ס׳דרייען זיך די רעדער קוים;
און מעשוגע איבער וועגן
שרײַט דער וואלד פון בוים צו בוים.

צווײַגן רײַסן זיך פון שטאמען,
שטאמען בייגן זיך צו דר׳ערד,
גאָר די וועלט קעגן דעמיאנען,
און מיט אים איז נאָר זײַן פערד.

— גיי, מײַן פערדעלע, פאוואָליע, —
כ׳טרײַב דיך ניט, פאוואָליע שפאן,
ס׳איז בא אונדז די זעלבע דאָליע —
ביידע שלעפן מיר דעם שפאן.

ס׳יאָמערן אַרום די וועלדער,
און דעמיאַנען גרוילט פון קעלט,
פאַרן פערד, וואָס קען ניט שעלטן,
און פאַר זיך ער שעלט די וועלט.

2

אָט אַ שענק — אַ שטוב אַ ברייטע,
גרויע ווענט, גלײַך ווי פון אַש.
ס׳טרינקט אויס דעמיאַן אַ גלאָז, אַ צווייטע,
טוט אַ זעץ אָן דר׳ערד די פלאַש.

— שענקער, שרײַ ניט, ניט דײַן קלאָפּעט,
בראָנפן נאָך דערלאַנג און ביר.
ווער וויל טרינקען, רופט זיך אָפּעט,
ווער וויל שלאָגן זיך מיט מיר?

עס וועבן זיך אין קאָפּ טומאַנען,
ווי אַ רעגן פײַכט די שטים;
ס׳ברענט דער בראָנפן אין דעמיאַנען,
אַ הייסער אומעט ברענט אין אים.

אָט האָט ער זיך שוין צעשלאָגן,
ס׳בלוט פון פּאָנעם אָפּגעווישט;
ווידער פאָרט אין נאַכט זײַן וואָגן,
און דער רעגן גיסט און גיסט...

אפן טויט פון מײַן שוועסטער ראָכל

ווו ביסטו, פרײַנט מײַן גרעסטער?
אווו? מײַן עלטסטע שוועסטער?
פון מויל דער לעצטער ביסן,
פון אויג די לעצטע טרער,
דו זאָלסט מיך ניט באַגריסן,
האָב איך דאָך ניט געקלערט.

ניטאָ...
און אַלץ איז דאָך פאַראַנען,
ווי ס'איז געווען אַמאָל:
די צווײַג מיט די קאַשטאַנען,
דער באַרנבוים אין טאָל.
נאָר דו ביסט דאָ ניטאָ מער,
און וויין,
און שרײַ,
און יאָמער...

ס'איז גלײַכגילטיק דאָס בערגל,
ס'איז שטום און וויסט דער שטויב,
און גלייב,

אז בעסער איז די פּײַן אין זיך דערװערגן,
װי גײן מיט זײ אין שטרײַט;
די קאַלטבלוטיקײַט זײערע דיך צאַרנט,
דײַן צאָרן זײער קאַלטבלוטיקײַט װאָרנט,
אַז ס׳אַרט זײ ניט, איר יאָמערט, צי איר שרײַט.

איך װעל ניט אָפּטרעטן פֿון מײַן געװױנהײַט,
ניט אײַנברעכן װעט מיך דער שװערער זאַמד,
דו ביסט געװען אַ זינגערן,
דו ביסט געװען אַ שײנהײַט,
און יונג איז הארץ בײַ מיר דערמאָנונג פֿלאַמט.

אָן דעק, מײַן האַרץ איז ניט װי דער בײסױלעם,
װוּ אַלץ, װאָס האָט דערברענט, פֿאַרגעסן װערט, פֿאַרלאָזט, —
מײַן האַרץ — אַן אופֿלעב־קעמערל, קנעט אױס פֿון װײ־לײם
דײַן זױבערן געשטאַלט און לעבן לאָזט.

עס שלאָגט זיך מיטן טױט מײַן האַרץ אין הונגער,
אין טרױער לײַטערט אױס זיך מײַן געדאַנק,
זי האָט געלעבט און װוּנדערלעך געזונגען,
און פֿרײַנט װעלן געדענקען זי נאָך לאַנג...

װוּ ביסטו, װוּ ביסטו, מײַן פֿרײַנט דער גרעסטער?
דו װעסט מיר מער ניט עפֿענען די טיר,
ניטאָ איז מער דאָ אױף דער ערד מײַן שװעסטער,
און נאָר דער װײטעק בלײַבט מיט מיר...

...װעט דורך אַ טאָג, װעט דורך אַ יאָר,
װעט אױסװאַקסן אַ נײַער דאָר,
און ס׳װעט אַן אײניקל דײַן נאָמען טראָגן.
אױב ס׳ברענט ביז פּײַן געשרײ,

אצינד אין מיר דער ווײ,
דער אַלטער ערד וואָס קען איך זאָגן?
אזוי איז אײַנגעשטעלט פון לאנג איר גאנג,
אַלץ יוגנט זיך, און רײַפט, און עלטערט.

און ווי עס זאָל ניט זײַן געוואגט דײַן דראנג,
ער קען ניט ענדערן דאָס אײַנגעשטעלטע.
נאָר איינמאָל שיין,
און גליק און פרייד,

איז ווערט דעם שווערן בראָך פון שיידונג,
און שטום, מײַן פּײַן,
און שטיל, מײַן לייד,
און שווײַג, מײַן ווייטעק...

* * *

כ׳האָב אַ ברודער הינטער הימל־ראַנד,
ס׳האָט איין מוטער אונדז אַמאָל געבאָרן,
נאָר דער ברודער איז מיר אומבאַקאַנט,
פון דער היים שוין לאַנג אַוועקגעפאָרן.

אויסגעוויינט זיך ביזן גרונט געשמאַק,
האָט געזעגנט זיך מיט אים די מאַמע,
אים אַ זאַק סוכאַרעס אײַנגעפּאַקט,
און באַגלייט אַריבער ווײַטע יאַמען.

יאָרן האָבן אונדז, ווי בערג, צעשיידט,
שטראָמען צווישן אונדז אַרײַנגעשניטן,
און די מוטער איז פון לאַנג שוין טויט,
ניט געשטאַנען איז ער בײַ איר מיטע.

נאָר די צײַט, זי שטעלט ניט אָפּ איר שפּאַן,
גייט און גייט, און פליִנקער מאַכט דאָס לעבן,
דורך אָט דעם מעהאַלעך איבער יאַם
לופט־שיפן, ווי פרילינג־פייגלען, שוועבן.

קוקסט ארום זיך אין דער טיפֿער בלוי,
איז פֿארבונדן גאָר די ערד צוזאמען.
אָבער מיר זײַנען געוואָרן גרוי,
און פֿארפֿרעמדט, — צעשיידטע איבער יאמען.

און אָט איצט, גלײַך ווי א שטויס פֿון טיף,
הייבט די וועלן אויף דער זון אנטקעגן,
שטייען מיר דאָ באם אערא־שיף,
ס׳ערשטע מאָל באקענט זיך און באגעגנט.

...אָנגערעדט זיך, אָנגעקוקט, און גיך,
גלײַך אזוי, ווי אין א העלן דרימל,
איז דער ברודער, ווי דער טאָג אין ליכט,
אפּסנײַ ארײַן מיט דער מאשין אין הימל.

איצט, קען זײַן, אף זיך ניט זען שוין מער,
מער ניט טרעפֿן קיינמאָל שוין. אף אייביק...
שטיי איך און איך שווײַג, און קוק, און הער,
ווי אין לופֿטן בלײַבט נאָר רויך און טויבונג.

רויך און טויבונג, ווי געדיכטער מאָך,
שטרענגע, שטארקע, שטורעמדיקע שטראָמען,
נאָר דער זינען פֿאָדערט עפּעס נאָך,
און די בענקשאפֿט נאָך עפּעס טוט מאָנען.

ס׳ווערט דאָס לעבן פֿליִנקער פֿון א גרוס,
ס׳רעדט ניו־יאָרק און ס׳ענטפֿערט אָפּ פּאָליעסיע,
נאָר די פֿרײַנטשאפֿט שטייט נאָך אף איין פֿוס,
מוז די פֿרײַנטשאפֿט ווערן שטארקער, גרעסער.

און אין ברוסט די בענקשאפט שטיל זאָל זיין,
און ניט טראָגן זאָל דאָס הארץ קיין פאנצער,
אף דער גאָרער ערד זאָל פרידן זיין,
ברידערישקייט אף דער ערד דער גאנצער.

6–2344

נוימע

פונוואַנען אַף דער וועלט זיך קינדער נעמען
איבגאַנצן איז מיר דענסטמאָל קלאָר געווען:
עס גייען טאַטע־מאַמע צו אָוורעמען
אין קלייט און קויפן פאַר אַ קאָפּקעס צען.

און כ׳האָב געוואָלט, אַז נוימע זײַן די מאַמע
זאָל פון דעם קינד, וואָס איך וועל טאַטע זײַן.
און איך מיט איר זאָלן דער וועלט צוזאַמען
אַ זון דערציִען ליכטיק ווי די שײַן.

איך בין אַ קינד געווען, און איצל — נוימע,
נאָר שטאַרק אַזוי האָב איך געוואָלט באַצווייט
מיט איר זיך טיילן אַלע מײַנע טרוימען,
און איר פאַרטרויען גאָר מײַן האָב, מײַן פרייד.

איך האָב באַשטימט, כ׳וועל אַף די הענט זי טראָגן,
דאָס טעלערל פון הימל קריגן איר,
פון שפּיל און קריג בין איך צעקלאַפּט, צעשלאָגן
געקומען יעדער נאַכט צו אונדזער טיר.

ס'האָט שוין דער מאַמען מיך דערנומען שטראָפן
און אײַנריידן — אַ מענטש איך ווערן זאָל,
איך בין די נאַכט געשמאַק איבערגעשלאָפן,
באַגינען זיך געלאָזט אַפּסנײַ אין טאָל.

און ווידער קלעפּ און אָפּדאָסנײַ מילכאָמעס,
און שווער איז מיר געווען און מאָדנע לײַכט,
און בוימע, ווי אַ צויבערלעכער נאָמען,
האָט מיר אין אַלץ און אומעטום געלײַכט.

צעשיידט עס האָבן אונדז די טעג און יאָרן,
די צאַרטקײַט צו אַן אַנדער פרוי איצט כ'היט,
די וועלט נאָר אויסצוגיין און אויסצופאָרן
פון בוימען שענער טרעפן וועסטו ביט...

* * *

1

זומער בינדט מײַן טאַטע פליטן,
ווינטער — ביזן בויך אין שניי
באַגעגנט אים די נאַכט.
איך וויל ניט מײַנע טעג אַזוי צעשיטן!

מענטשן שווימען אָפּ, ווי ביימער,
ווי די סאָסנעס אפן טײַך.
מײַן שטוב איז קליין, —
נאָר וועלט איז קליין דען?
מײַן שטוב איז אָרעם, —
איז די וועלט ניט רײַך?

ניט כ'גיי אין שול, ווי אַלע קינדער,
ס'וואַקסט אף מיר מײַן טאַטנס יאָך;
אַזוי דערצייל איך פון מײַן קריוודע
די צווײַגן און דעם גרויען מאָך.

ביז איינמאָל פלוצלינג בלײַבט פאַרשעמט
מײַן בליק אַנשוויגן;

פלינק און פריי,
געזונט, צופרידן,
דער וואלד־סויכער פאָרט דורך פאַרביי.

זיינע קינדער האָבן לערער,
איצטער — שפּיל,
און שפּעטער — פריידן,
און איך וועל האָבן פּראַצע שווערע,
און ס׳גייט אזוי די וועלט קעסיידער?..

און דאן האָט מיך ביזביין פון אקסל
א פאַרדראָס צעגליט.
— אויב אזוי, זאָל איך ניט וואקסן!..
נאָר פילט מען ניט,
צי זעט מען ניט,
עס לעבן מענטשן זייער מאָדנע,
ס׳שימלען הערצער — הויפנס ליים.
און ענג איז מיר מיין שטילע היים,
און הייזלעך הילצערנע צעשאָטן,
און שווער איז מיר מיין שטוב,
מיין שטרוי־קאַנט,
ווו ס׳גייען אָקסן־טעג פּאַוואָליע,
ווו איר קינד וויגט איין די מוטער,
און זינגט וועגן איר בידנער דאָליע...

אויב איך בין אַ שטומער טאַן,
פאַרוואָס זשע האָב איך אויגן־וואונדערס?
אויב ס׳איז אַ גרויסע וועלט פאַראַן,
פאַרוואָס איז עס ניט אונדזערס?..

2

דער ליבער פרילינג טוט מיט צווייט א ווינק,
און ווײַסער ווינק ווערט מיטן צווייט פארשוווּנדן,
ווי א סאָסנע פריש,
און ווי א העזל פלינק,
בין איך געווען א ייִנגל.

טיפע וואסער אין א שאָטן —
איז די פארב פון מײַנע אויגן;
נאָר טרוימער־שווארצאפלען האָבן א קאָפּ,
וואָס קען געהאָרכזאם זיך ניט בויגן...

אין פעלד — פון בערג און ברייטע טײַכן
איך הער זיך אָן אפולע שיינע מײַסעס,
פון ברידער אָרעמע,
פון ברידער רײַכע,
פון גאזלאָנים,
און פון ווײַטע רײַזעס.

אז איך וועל אויסוואקסן,
די רײַכקײַט ניט צעצילן,
מוז איך זײַן א גוויר,
דער גרעסטער אין דער וועלט,
דאָס גאנצע האָב און גוטס
די אָרעמע צעטיילן.
אזוי איך טראכט
אין גרינעם פעלד.

3

און איינמאָל, אין אַ פֿרילינג־טאָג, אַ פֿרײַטיק,
האָב איך אויף אײביק זיך געזעגנט מיטן קאַנט,
וווּ וועלדער ווילדע ציִען זיך און שפּרייטן,
שפּאַרן זיך אַרײַן אונטערן ראַנד.

אין דעם קאַנט געבאָרן איז
מײַן טאַטע
און מײַן זיידע,
און אין אַ האַרבסט,

אונטערן וואָיען פֿון די צווײַגן,
איז דער זון און אייניקל געבאָרן,
מיטן אויפֿקלײַבן די פֿעלדער,
קלײַבט דער פֿויער דאָרט די יאָרן,

ציילט זיי מיט די סקירדעס שטרוי,
ניט איינס,
ניט צוויי,
און אָט בין איך די הייך, ווי קאָרן.

אפֿילו פֿרילינגען זײַנען נאָך דעם געקומען,
אפֿילו פֿרײַטיקן זײַנען נאָך דעם אַוועק;
נאָר פֿון יענעם טאָג
איז מיר פֿאַרבליבן אין דערמאָנונג —

אַ פּאָר לאַנגע פּיס,
וואָס שפּאַרן זיך אַרויס פֿון וואָגן,
אַ וואָגן,
אַ באַדעקטער מיט אַ לײַלעך,
און אַ יאָמער פֿון אַ מוטער...

4

װעט דאָך קלינגען, װי אַ װוּנדער,
װעט מען מײנען, ס׳איז אַ פּלאָנטער,
װי פֿאַסט אױף זיך פֿרײד מיט הונגער,
װי מיט כּורבן פֿאַסט זיך יאָמטעװ?

נאָר עס לײַכט דאָך רײן אַ טרער
פֿון אַ װוּנדערלעכער מײַסע,
פֿרעגט דען װער,
צי צװײפֿלט װער...
און יענע צײַט איז װי אַ מײַסע...

טױט
און בלוט,
און בלינדע גרױלן
האָט דאָס לאַנד אַדורכגעשפּאַנט,
און פֿאַרברענט דעם פֿײַנט דעם פּױלן,
און צעזײט, װי שלעכטן זאַמד,

פֿוס צו פֿוס
און האַנט צו האַנט,
קינדער װאַקסן, גיך, געשװינד,
זײער מוטער איז דאָס לאַנד
און זײער לאַנד —
אַלײן אַ קינד.

5

שנײעלעך, שנײען — שטילע פֿרײַנט,
איר פֿאַלט אױף דר׳ערד װי צאַרטע קלאַנגען,

ווהין דער בליק זיך ווענדט ניט — שייַנט,
אַף שויבן בליִען וויַיסע זאנגען.

ווי ס'וואָלט א בארנבוים זיַין געפּל
אָפּטרייסלען, זיַין פרילינג־כיין,
מיר דוכט אזוי לייגט זיך דאָס לעבן
אַף מיַינע פּלייצעס יונג און שיין.

נאָר ווי מאָדנע ס'פּאלן יאָרן,
נאָר ווי שטיל עס פּאלט דער שניי...
מאָדנע איז מיַין טרוים געוואָרן,
ס'לעבן שמידט זיך פראָסט אזוי.

פראָסט אזוי, ביז ליכטיק שיַינען
נעמט דער בליק פון שטאָלץ פארבלענדט.
אָט אזוי מיַין גרויסע טיַינע
קומט דאָס לעבן און פארענטפערט.

כ'קוק נאָך הייַנט אַף יענעם ווינטער,
ווען כ'האָב געפרעגט און ניט פארשטאנען,
פארוואָס זיַינען באם לעבן קינדער
און שטיף־קינדער באנאנד פאראנען.

ס'האָבן געענטפערט ברידער־קוואָרים,
ס'האָט דער כורבן אָפּגעענטפערט.
פאל אַף מיר, מיַין שניי, מיַין קלאָרער,
פאל אַף מיר אזוי אָן ענדע.

גערעטעניש

ס׳איז הויך דער הימל, קלאָר און בלאָו
אין ערשטע טעג פון כוידעש אָוו.
אין כוידעש אָוו איז זון ניט קאַרג,
און שיט איר גאָלד אָף טאָל און באַרג,

אָף גערטענער, וואָס ווערן הויך
און שטײַגן איבער די פאַרפלאַנצער...
...און אינדערפרי א צאַרטער רויך,
און ליכט אין אָוו — א טאָג א גאַנצער.

נאָר דאָך איז קײנעם ניט קײן סאָד,
אז עפּעס זוכט,
אז עפּעס פעלט,
אז א פאַרלוסט האָט דאָן די וועלט...

און מיט שנײַד־מעסערס די שניטער
קומען פרײדיקע אין פעלד,
זײער ברוסט מיט פרײד צעבליט זיך,
ווען בא ערד די פרײד פאַרוועלקט.

און ס׳ווערט א טאָג די מי ניט מידער,
און ס׳קלינגען אָפּ אין ווײַטן לידער.
אָ, שניטערס ליד איז האַרציק קלאָר,
ער שנײַדט פון פעלד א גאָלדן יאָר.
און אָף די וועגענער די ברייטע,
ווען ס׳צינדן זיך אין הימל שטערן,
ער פירט עס, — אָט דאָס יאָר דאָס צווייטע,
שוין גרייט צו פלאַנצן און צו נערן...

און ווײַט איז גרינג,
און העל, און בלאָוו
אין לעצטע טעג פון כוידעש אָוו.

אין כוידעש אָוו, אין לעצטע נעכט,
דער הימל אָפּט זיך פלוצלינג ברעכט,
בליצן שײַנען אוף ווי זונען,
שטילע ערד צעטרייסלען דונערס.

וואָלקנס פולע איבער וועגן
גיסן אויס פון זיך מיט רעגנס,

און דער שטויב נאָך טאָג פון שײַן
טרינקט דעם וואסער־קלאָרן ווײַן.
און ווערט באשווערט,
און ווערט באפײַכט.

נאָר אָף דער ערד ווערט אזוי לײַכט,
נאָר אָף דער ערד ווערט אזוי לײַכט,
און בלאָוו ווערט בלאָוו
און גרינג ווערט גרינג,
און גיי אַרויס אין גאס און זינג...

זאָל דיר זינגען יאנוואר...

ס׳האָט נעכטן א שניי, ווי א ווארעמער דרימל,
א כאָלעם א ווייַסן געוויים און געוויים,
און הייַנט איז א בלויער און הויכער דער הימל,
די ערד, ווי דער הימל, איז וויַיס און איז ברייט.

הייַנט דרעמלען די פעלדער אין שנייען בארוטע,
די שנייִקע רו איבער ראנדן פארגייט,
ס׳דערקענט הייַנט מייַן קינד אף דער האנט פון דער מוטער
די ערשטע, די וויַיסע, די ערדישע פרייד.

יאנוואר אין מייַן לאנד, גייט מען פעסטער פארצויגן,
יאנוואר אין מייַן לאנד, שטעלט מען גיכער דעם שפאן;
דעם שפאן שטעלט מען גיך, ברענען טיפער די אויגן...
הייַנט דרעמלט מייַן קינד בא מייַן פרוי אפן האנט.

אין א פראָסט אין אזא איז זייַן טאטע געבאָרן,
און ס׳האָבן די באָרן געגריסט אים מיט ווינט,
און איבער די כאטקעס און פעלדער פארלאָרן,
האָט זיך וויכער פארגאנגען, ווי אן עלנט קינד.

און איבער די פעלדער, אין שנייען פארוויטע,
די סאָסנע די איינזאַמע האָט נאָר געהערט,
ווי ס׳האָבן געקלונגען די פראָסטיקע קייטן,
ווי שטום ס׳האָבן העלדזער געשאָלטן די ערד.

„פון פעלדער ביז טונדרעס, ביז זון און בוראנען,
איז וועגן פאראנען און ווידער פאראנען...“
און ס׳דרייט זיך די וויוגע און לאַכט בא מײַן טיר:
„נאָר וואָס פאר א וועג וועט געהערן צו דיר?“

איך וועל ווי א שטורעם הײַנט זינגען און זינגען,
אין ווײַסער, אין ליכטיקער ווינטער־וועלט;
ניט קיין פינצטערע בסורעס צעטראָגן די ווינטן, —
ס׳הערט אײַן זיך די איינזאַמע סאָסנע אין פעלד:

„פון טײַכן ביז טונדרעס, פון פראָסט ביז בוראנען
איז וועגן פאראַנען און ווידער פאראנען“...
און ס׳לאַכט אזוי הילכיק דער ווינט בא מײַן טיר“...
„אך, וויפל וועגן עס וואַרטן אף דיר“...

...נאָר אין גאַס איז יאַנוואַר, און אף יעטווידן טויער,
אף פריידיקע פאָנען א טראָפּן פון קרעפּ.
דאָס פריידיקע לאַנד און די פריידיקע בויער
דערמאָנען די קעמפער, וואָס האָבן געלעבט.

וואָס זײַנען אין פראָסט און אין גלײַכע וויוגעס
געפאלן אין פעלדער פארשאָטן מיט שניי,
אז אופגיין זאָל וועג־עס־איז הויך אונדזער יוגנט,
אזוי ווי געוואָלט, ווי געטרוימט האָבן זיי.

איך בייג אָן דעם קאָפּ, — זאָל ער שווײַגן א רעגע,
דער קאָפּ, וואָס פאר ווייען בייגט קיינמאָל זיך ניט.
און כ'הער, אין מײַן ליד קלינגען אָפּ יענע וועגן
מיט ווייטעק און דרייסטקײַט פון זייערע טריט.

...און דו ביסט, מײַן קינד, פון די יינגסטע נאָך יינגער,
ס'איז דיר דאָך אינגאנצן דער ערשטער מעסלעס.
דײַן הייסער, דײַן ערשטער, דײַן ליכטיקסטער הונגער
אין דרעמל לײַכט אויף זיך, לײַכט אויף און פארלעשט...

יאנוואר, ווי א ליכטיקע, העלע דערמאָנונג,
זאָל לאנג דיר א מונטערן זינגען דער ווינט;
דיך היטן די פרײַנט, קענסט נאָך ניט די סאָנים,
ליו־ליו, מײַן איפעלע, ליו־ליו, מײַן קינד...

* * *

1

אויב דו ווילסט מײַן טרויער היילן,
זײַן ווילסט מיר א טרײַער פרײַנט,
בעט ניט, איך זאָל דיר דערציילן,
ווי ס׳האָט יענערס בליק געשײַנט.

אויב דו ווילסט ניט, אז א טריבער
ציטערן זאָל היים מײַן קאָל,
דו ניט פרעג מיך פון דער ליבע,
וועלכע איז געווען אמאָל.

איך בין גרייט מיט אלע כושים
היטן דיך אף שריט און טריט,
נאָר פארגעסן יענעס קושן,
טײַערע, דאָס קען איך ניט.

2

ניט באשערט געווען איז, קאָנטיק,
איר דעם פײַנט זען אײַנגעבראָכן;
זאָל מײַן לעבן זײַן איר אָנדענק,
זאָל מײַן ליד זײַן איר ניצאָכן...

3

ווי דעם שווערן פּלאַסט פון שטיינקויל,
כ׳האָק די טעג, זאָל ווערן ליכטיק;
ס׳איז אַזוי דעם לעבנס ריכטונג
נאָר נאָך לעבעדיקע בענקען...

כ׳וועל דעם פײַנט איר טויט ניט שענקען,
כ׳וועל דעם סוינע ניט פאַרגעסן,
נאָר אין בלוטיקע מעסלעסן
כ׳מוז נאָך פרייד און יאָמטעוו בענקען.

איך וועל גרויסן צאַר געדענקען,
און וועל קריצן אים אין לידער;
נאָר דאָס לעבן האָט אַ מידע:
בלויז נאָך פרייד און יאָמטעוו בענקען...

4

אָף די אָפּגעברענטע שליאַכן
וועט אַ פרילינג זײַן אַ נײַער,
העלף מיר פון מײַן ווײי דערוואַכן,
פון מײַן טרויער זיך באַפרײַען.

מײַן מוטער

1

װען צום שטוב האָט די פֿור מיך געבראַכט,
האָבן הײַזעלעך לאַנג שױן געשלעפֿערט,
אײן פֿײַערל האָט נאָר געװאַכט,
נאָר ניט זי האָט די טיר מיר געעפֿנט.

עס איז לאַנגזאַם געקומען דער טאָג,
מיר האָבן געבלאָנדזשעט אין ייִשעװ,
ס׳האָט שטיל מיר דער ברודער געזאָגט,
איך זאָל מיטנעמען אירע אַ קישן.

2

װען די, װעלכע האָט אױף דער װעלט דיך געבראַכט,
האָט אירע טײַערע אױגן פֿאַרמאַכט —
װאָס איז דאַן גלײַך צו דײַן װײ?

האָסט אין דײַן פּנים איר אָנבליק געזען,
ביסט אין איר שאָטן אַ שמײכל געװען,
ברום ניט, מײַן װײטיק, אַזױ.

באַלד וועט דער סאָד ווערן גרין,
נאָר מײַן טרויער איצט רופט מיך אַהין,
צו מײַן קינדהײַטס גרין־גאָלדענעם קאַנט.

דאָרט האָט זי מוטערלעך אָפּט
מיך געקושט, און געטרייסט, און געשטראָפט,
און געגלעט מיט איר וואַרעמער האַנט.

3

קומט אָן דער פֿרילינג אַ בלויער,
דער נאַכטיגאַל זינגט אין די ביאָרן.
און אין מײַן האַרץ איז אַ טרויער,
אַ טײַערן פֿרײַנט כ'האָב פֿאַרלאָרן.

גיי איך אַהיים און איך וויין,
און מײַן קינד איז נאָך יונג און איז קליין,
לאַכט עס מיט פֿריילעכער שטים, —
פֿונוואַנען זאָל אַ קינד עס פֿאַרשטיין,
עס מיינט, אַז איך שפּיל זיך מיט אים.

4

ס'אַראַ רו ס'איז אין פֿעלד און אין באָר,
ס'טוט דער ווינט נאָר אַ ריר
מיט אַ זײַדענעם בלאַט מײַנע האָר,
דוכט מיר, דו רעדסט צו מיר.

כ'קוק אַרום זיך אין פֿעלד און אין וואַלד, —
הימלען הויכע און ברייטע;
און אין דער שטילקייט איין פֿויגל נאָר שאַלט —
אָ, איך קען דיך, ס'ביסטו דאָך מײַן ווייטעק.

כ׳האָב ניט געדריקט דײַן טרײַע האַנט,
דאָס לעצטע וואָרט פֿאַרשפּעטיקט זאָגן,
איך האָב געקושט דעם רויען זאַמד,
דעם זאַמד, ווו דו האָסט רו געקראָגן.

פֿאַרוואַקסט די ערד מיט גראָז אַצינד,
ס׳וועט דורך אַ זומער נאָך אַ זומער,
און ס׳וועט דער בענקענדיקער ווינט
אַהער צו אַ בעריאָזע קומען.

דערנאָך, דער בוים וועט ווערן גרויס,
און מיך אַליין וועט איבערשטײַגן,
און איך וועל שטיין און הערן בלויז,
ווי דו מיר זינגסט פֿון גרינע צווײַגן.

און דאַן וועל איך אַ נײַע ליד,
מיט ווערטער לויטערע און קלאָרע,
דאָ זינגען וועגן דיר, וואָס בליט,
וואָס וואַקסט און טוט זיך אָן מיט קאָרע.

גוטע ערד, מײַן גרויסער פֿרײַנט,
ווו זי וועט זײַן אַ בוים אַ הויכער,
נעם צו מײַן גאַנצע ליבע הײַנט,
ווי איך נעם צו מײַן קינדס אַ שמייכל.

דורך הייסע וועגן

1

אונטער הילצערנע מאַציִיוועס,
לאַנג מיט מאָך פֿאַרוואַקסן, גראָ,
צווישן טאָפּאָלן ווי שניי־ווײַס
רוען מײַנע זיידעס דאָ.

זיי האָבן געזונטע, האַרטע,
שטום געלעבט אין גרינעם באָר,
ס'האָט דער טויט געהאַרפּט זיי וואַרטן
גאַנצע לאַנגע הונדערט יאָר.

2

ווי דאָס היימלאַנד איז דיר טײַער,
ווי ס'איז ליב דיר אָט דער קאַנט, —
ס'איז דאָס פֿאָטערלאַנד אין פֿײַער,
איבער אים דער סוינע שפּאַנט.

ס'איז מײַן פֿאָטערלאַנד אין פֿײַער,
מיך באַגלייט אין וועג דער וויי,

כ׳טראָג מײַן קאָפּ העם לאַנד צושטײַער,
און ס׳איז מיר נאָך קאַרג אַזוי.

ניט אַזוי דער ווי באַגלייט מיך,
שטאַרקער מיך די סינע ברענט,
מײַנע קליידער — זעלנער־קליידער,
און אַ ביקס אין מײַנע הענט.

3

פלאַם און פלאַם פון אַלע זײַטן
האָט דעם וועג מיר אויסגעשפּרייט,
רויך באַטאָג, באַנאַכט אין ווײַטן
איז דער הימל פּורפּור־רויט.

רויט אין הייכן און אין נידער,
דו פּאַרקריץ באַ זיך אין האַרץ,
אָט דעם אָסיען דעם צעגליטן,
אָט די רויכן טונקל־שוואַרץ.

ליקע־כאַמע, ליקע־כאַמע,
נאָר ס׳וועט רויט בלײַבן מײַן שטאַם,
מײַן געליבטע און מײַן מאַמע
הער איך שרײַען אינעם פלאַם.

4

מיר גייען אַלץ, מיר טרעטן אָפּ,
און וועגן ווערן פּוסט און ליידיק,
ס׳איז זייער טײַער מיר מײַן קאָפּ,
נאָר אָפּטרעטן, — אַזאַ מין ווייטעק,

אז כ׳וואָלט אים אָפּגעבן, דעם גאַנג,
פון דולן פּײַנט נאָר אָפּצוּשטעלן,
מיר וועלן אָפּטרעטן נאָך לאַנג,
צי באַלד אין ראַנגל גיין מיר וועלן?

5

אָט באַלד איז מאָסקווע — אונדזער רום,
אין האַרץ מיט ליבע אײַנגעפּלאַנצטע,
און מאַכנעס שפּאַנען שטרענג און שטום,
און ס׳גייען יונגען, ווי געפּאַנצערט.

דו טו באַ יעדערן אַ פֿרעג,
צי איז ער גרייט פֿאַר מאָסקווע שטאַרבן,
וועט ער דערמאָנען שענסטע טעג,
באַצייכנט מיט וווּנדערלעכע פֿאַרבן.

וועט שטיל פֿאַרציִען דעם שינעל,
וועט הייסן גרויסן איבערגעבן,
און שטאַרבן גיין אָן קיין באַפֿעל,
אַבי נאָר מאָסקווע־שטאָט זאָל לעבן.

6

אין פֿעלד איז פּוסט, דעם שפּעטן שניט
האָט מען אין גאַרבן לאַנג צעבונדן,
אַ שטערן כ׳האָב אין בלוי געהיט,
איז ער אין ערגעץ־ווו פֿאַרשוווּנדן.

נאָר אים פֿאַרבײַט די זון אַליין,
די נאַכט פֿאַרגייט אין שווערן שאָטן,
עס קומט אַ נײַער טאָג צו גיין,
ס׳איז ווײַטער אָפּטרעטן פֿאַרבאָטן.

7

ס׳איז מײַן אויג מיט ווײ פֿאַרלאָפֿן,
כ׳האָב אין זיך די ווײ דערפֿילט,
כ׳האָב געצילט און כ׳האָב געטראָפֿן,
כ׳האָב געטראָפֿן און געצילט.

גלײַך ווי בײַט קיין קוילן שוועבן,
אין דער לענג און אין דער ברייט,
נאָר איך וואָלט עס פּעטש געגעבן,
און מיט יעדן פּאַטש אַ טויט.

איין פֿײַנט פֿאַלט, נאָר ווילד און שיקער
שפּאַנט דער אַנדערער פֿאַרויס,
גלײַך ווי די צערײַצטע ביקעס,
און מיך טוט פֿון אָרט אַ שטויס.

מיר דערמאָנט זיך גאָר מײַן טאַטע, —
ווינטער, ס׳שיט אַ שניי, ס׳איז קאַלט,
ער באַגעגנט וועלף אַ טשאַטע,
אין דער נאַכט אין שטומען וואַלד...

און אָן זיך אַליין פֿאַרגעסן,
מיט גראַנאַטן פֿלינק און יונג,
„אַף די וועלף, די קינדער־פֿרעסער!“ —
שרײַ איך אויס און טו אַ שפּרונג.

8

כ׳טו אַ שפּרונג און טו אַ שלײַדער,
און פאל צו צו גרויער ערד,
כ׳הער דאָס האַרץ נאָר שלאָגט פאַרשײַטער,
אָט האָט זיך אין לופט דערהערט

הויך אַן אופרײַס, זיך צעקלונגען
אַ הוראַ האָט רוסיש עכט.
אָט אַ הייב זיך טוען יונגען,
און מיט סאָנים אין געפעכט.

אַ הוראַ, ווי קופער־פּעסער
ס׳וואָלטן קײַקלען זיך אף שטיין
— טויט די וועלף, די קינדער־פרעסער,
נאָ׳נט איז מאָסקווע, אונדזער היים!..

פיר טײלן פון יאָר

1

וואָס הייסט זומער, ווייסן אַלע,
ס'איז די זון האָן, ווי אַ קאַלע,
אין אַ פּלאָם־קלייד אַ געקליידטע,
שפּרייט זי שײַן אויף גראָז און קווייטן.

זומער, זומער, גיב אַ רעגן
פאַר די קליינע קינדערסוועגן,
ניט קיין סאַך און ניט קיין ביסל,
נאָר ס'זאָל זײַן אַ פולע שיסל.

פול מיט ליכט עס זײַנען שליאַכן,
אומעטום די קינדער לאַכן,
שטיפן, שפּילן זיך און שפּאַסן,
גליקלעכע מיט ליכט און וואַסער.

זון און רעגן, זון און רעגן,
ס'איז די קאַלע דאָ געלעגן,
ס'איז דער כאָסן אָנגעקומען,
איז מיט וואַסער אַלץ פאַרשווומען...

זון און שליאַכן, ליכט און וועגן,
זומער, זומער, גיב אַ רעגן!

2

נאָך דער גרינקייַט קומט די קאָסע,
נאָך דעם זומער קומט דער אָסיען,
גאָר אַן ערשט מיט בונטע פאַרבן
ער פאַרפליצט די ערד, און שטאַרבן

ווערט ער נאָך באַווייַזן שפּעטער.
ווען, ווי אַש, די פוילע בלעטער
וועלן אָפּטרייסלען די ביימער,
דאַן נעמט רייכערן דער קוימען

נאָך די לאַנגע איבערייַסן;
האָן זיך נעמען דעכער ווייַסן,
אין דער לופטן הודיען ווינטן,
דאַן קומט אָן די צייַט פון ווינטער...

ווינטער איז אַ פאַרגעניגן,
פאַר די קינדער אין די וויגן,
און פאַר די, אין שול וואָס גייען,
ערד און דאַך און שויב אין שנייען...

און פון שניי קענסט אַלצדינג מאַכן,
מאָלן אויף די פענצטער שליאַכן,
טייַכן, וועלדער, ביימער, זאַנגען.
טוסט אַ בלאָז — ווערט אַלץ צעגאַנגען...

3

ווי מע זאָל ניט דרייען, קערן,
באָר פיר טיילן און ניט מערער
האָט דאָס יאָר. און רעדט און טייַנעט,
שטרענג אין זיי באָר לייגט זיך אייַנעט...

איז געוועזן די זון אין זומער,
אין זייַן צייַט דער הארבסט געקומען,
האָט דער ווינטער אים פארביטן, —
מוז דער פרילינג צוויט צעשיטן.

בליט און צוויט פון אלע זייַטן,
פרילינג־ריטער, קום צו רייַטן!
עפן אויף די טיר און טויער,
קום אריין צו אונדז א בלויער

און א העלער, און א רויטער,
פאר די קינדער און די קווייטן.
אלדי קעלט און פרעסט פארטיליק,
ניט פארלאָז אונדז, ליבער פרילינג!..

ס׳האָט גרינע פּעלענע...*

1

ס׳האָט גרינע פּעלענע פון שטילן פעלד
אין מיר פּאַרזייט דאָס בענקען פון געזאַנגען;
און געמאָסטן האָט מײַן וווקס דאָס גרינע פעלד
מיט הויכע זאַנגען...

די קעפּ די גאָלדענע האָבן מײַן קאָפּ פאַרוויגט
און אָנגעגאָסן אין מײַן האַרץ אַ קערן;
די בלויע הייך האָט שטיל מײַן בליק פאַרוויגט
מיט בלאָנדע שטערן.

און ווען אין האַלבער נאַכט כ׳פלעג שוואַרצאַפּלען
צעעפענען
און טאָן אַ ריר פון שטאַרקן שלאָף די אַקסלען, —
איך פלעג דורך פענצטער דורך דעם אָפענעם דערהערן
דעם אָטעם פונעם וואַקסן.

און פעלדער גאָלדענע, און בלעטער־רויש,
פון הויכן דעמב דאָס פאַלן פון די זשאָלודעס —
פון קינדווײַז אָן צו מיר אין האַרצן רינט
מיט ריטשקעלע מיט גאָלדענעם.

---

* פּעלענע — פון רוסישן וואָרט פּעלענא — טעפּיך.

2

כאָטש ס׳איז מיר האָן געווּיס געווען ניט בעסער:
אין בלינדן נעסט, אין שטומען שלאָס פון וואלד,
א גאזלען האָט געשארפט א בלאנקן מעסער
אף מײַן יונגן האלדז.

וואָס ווייסט א קינד פון ציטער און פון גרוילן?
נאָר איך האָב גרויל דערוווּסט אין יענער נאכט,
ווען מײַן כאווער, ווי א שעפּס, האָט מען געקוילעט,
און פון א טויטן זיך צעלאכט.

ס׳האָט מיך צעברענט, ס׳האָט מיך די ווײַ צעגליט,
האָב איך פון שטוב מײַנער צעלייגט א שײַטער,
און דורשטן בלוטיקע האָבן צעברענט מײַן בליק
פאר ברידער נאָענטע, פאר ברידער ווײַטע...

און ווען דעם סוינעס אויג וואָלט זיך גענייגט פאר ראכמים,
כ׳וואָלט אויסגעשריען: הינט, איך וועל ביז איינעם אײַך צעשעכטן!
און דעם פלאם פון שײַטער אין דער נאכט־שטיל
פארלעשן מיט א הילכיקן געלעכטער...

3

עס ברענט דער טרויער אומרויִק און שווער, און הייס,
עס פאָרן פורן אפן בעסוילעם!..
די ווײַ איז שטיל, די ווײַ איז שטום, די ווײַ איז גרויס, —
און ס׳קוקט דער אוילעם.

נאָר פֿורן פֿאָרן, ס׳קומען אָן די וועגענער,
איז וואָס זשע שטייסטו, וואָס זשע שטומסטו, אוילעם?..
געזעגן זיך, אַ לעצטן מאָל געזעגן זיך, —
מע פֿירט אַפּן בעסוילעם...

און פּלוצלינג, ווי דער הימל זאָל אין קופּער זיך
צעשאַלן,
עס האָבן פּיס זיך אָנגעהויבן קניִען, —
אַ יאָמער אַפּן שטעטל איז געפֿאַלן,
און אַלע רייַסן קריִע.

עס ברענט דער טרויער אומרויִק און שווער און הייס,
איז וואָס זשע קוקסטו, וואָס זשע שטומסטו, אוילעם?..
די ווײַ איז שטיל, די ווײַ איז שטום, די ווײַ איז
גרויס, —
מע פֿירט אַפּן בעסוילעם...

4

נאָר יאָרן פֿאַלן אינעם וואַסערפֿאַל פֿון טעג,
און כ׳קוק זיך אום און כ׳זע — עס איז ניט פֿרײַ...
און טעג, ווי ווילדע כוואַליעס פֿונעם דעק,
זיי שוימען אויף און פֿאַלן אין דער טיף.

איך בין געווען הײַנט אַף מײַן כאַווערס קייווער,
אַף מײַן כאַווערס קייווער גרינט איצט אַ בעריאָזע,
און רויִק שטייט די מירמלנע מאַצייווע,
און קינדער קײַקלען זיך אַף גרינע גראָזן...

ווײַל יאָרן פֿאַלן אינעם וואַסערפֿאַל פֿון טעג,
און פֿרייד צערינט — און ווײַ בארוט זיך;
נאָר טעג זײַנען ווי אָפּגעשוימטע בערג,
און ס׳שוימען אויף אין אונדז די בלוטן.

עליע ספּיוואַק

און ווען אַפן הארצן מיר ווערט אמאָל שווער,
איך טו פון מײַן כאַווער ספּיוואַקן אַ קלער.
געווען ניט קיין הויכער איז ער, ניט קיין שלאַנקער,
נאָר עפּעס אַ פרישקײַט פון אים איז געגאַנגען.

גלײַך ער זאָל זײַן רויִקײַט שעפּן פון גרונט,
געאָטעמט פון אים האָט מיט פרייד און געזונט.
און זאָגן געזאָגט האָט ער ניט אַף קאַטאָוועס,
אונדז מונטער זײַן האָבן געלערנט די אָוועס.

געזאָגט אין אַ פּראָסטער, אַ ייִדישער שפּראַך,
נאָר דו האָסט דערפילט אין דעם כאָכמע אַ סאַך.
געפּאַסט צו די ווערטער עס האָט זיך זײַן שמייכל.
ס'איז ביידן זיי פרעמד געווען ייִעש און צווייפל.

אַ שפּרוך און אַ גלײַכוואָרט, אַ וואָרט פון טאַנאַך,
און אַלץ אַרום אים, אויסער אים אַליין, לאַכט...

ווען היטלער באַפאַלן האָט אונדזער מעדינע,
מיט יונגען אַ יונג אין די פעלדער די גרינע,

8*

די פעלדער די שווארצע, פון שלאכט און זאווײ,
ווו נאָך קאָן א יונג זײַן, אויב ניט אין ארמײ?

סאָלדאטישע לידער אין שנײ און אין רעגן,
סאָלדאטישע הערצער אין הײסע געשלעגן,
סאָלדאטישער צאָרן אין ווײ און אין ווינד,
קימאט גאָר דאָס לאנד אין סאָלדאטן עס דינט.

און אָפט האָט געטראָפן, — די יונגען פארשטומען,
דער סוינע עס האָט אין א רונג זײ גענומען,
דער סוינע גענומען האָט זײ אין א קרײַז,
קײן אָפשײַן, קײן אָפּווענד, קײן גרוס און קײן שפּײַז.

ווו זאָלסטו זיך שטעלן, ווו זאָלסטו זיך זעצן?
דאָן פלעגט ער אין זינען בא זיך איבערזעצן,
און צופאסן פינקטלעך אָן אָס צו אָן אָס,
די מ'שאָלים פון פּײַן און פון הײסן פארדראָס.

עס קלינגען אין רוסיש די וואָרהאפטע ווערטער,
די שפּריכווערטער זײַנע פון זיידעס געהערטע,
פון אײניקלעך איבערגעטראכטע אפסנײַ,
באזינט און באדאכט אונטער האָגל פון בלײַ:

„די זאך איז דאָך ערנסט, ס'איז ניט קײן קאטאָוועס,
אונדז מונטער זײַן האָבן פארזאָגט נאָך די אָוועס.
און לעבן אין פרײַנטשאפט — א שטוב בא א שטוב.
נאָר דער, וואָס עס שטערט און עס גראָבט אונדז א גרוב,

אלײן זיך באגראָבט ער, און מיר וועלן לעבן.
און מונטערקײַט אונדזערע וואָרצלען וועט געבן".

און ס'פלעגן אים הערן די שלאכטלײַט פארטראכט,
און נאָכדעם נאָך בייזער זיך ווארפן אין שלאכט...

מיט די יונגען אדורכגיין באשערט איז געווען אים
דורך הונדערטער שטעט, ביז דער שטאָט פונעם גענעם,
דערזען האָט ער ליגן אין שטויב און אין זאמד,
— אזוי, ט'ער געזאָגט, פאלט א יעטווידער שאנד.

אזוי האָבן יונגען געפרייט זיך פון זיגן,
געשריען פון פרייד, מיטאמאָל נאָר אנשוויגן.
פארשטומט האָבן זיי, ווי א בוים פון א האק,
געפאלן א טויטער איז עליע ספיוואק.

געווען זײַנען יונגען מיט שלאכטן פארנומען,
דעם פײַנט טראָט נאָך טראָט האָבן זיי בײַגעקומען.
ניט אָפּהאלטן גאָרניט געקענט האָט די מוט,
זיי האָבן נאָך עליען א לעצטן סאליוט

געגעבן, און דאן צו דער ערד בייגט זיך אייגער,
טוט זאמד א שאָט. זעלנער עס פאסט דאָך ניט וויינען:
— פאר זיג מיר באצאָלן מיט טײַערסטן גאָלד,
מיט עליען האָט לעבן זיך שטענדיק געוואָלט...

א צווייטער גלײַכט אויס זיך און קוקט אין דער ווײַטן:
— פאָרויס שטייען פאָר אונדז נאָך זודיקע שטרײַטן.
מיר האָבן באגראָבן אין דר'ערד דאָ א יונג,
א יונג, ווי א יאָדער, א יונג, ווי א פונק.

ס'צערינען זיך קריגן, ס'פארלעשן זיך פלאמען,
נאָר פונקען זיך לעשן מיט הערצער צוזאמען.
זײַן טייל האָט דעם אָנגריף דערפירט ביזן סאָף
און פעלקער באפרײַט, און די סאָנים באשטראָפט.

און ווער ס׳האָט א גרוב אונדז געגראָבן, אין צאָרן,
אַליין אין דער גרוב איז באגראָבן געוואָרן.
עס האָט ניט אומזיסט דאָך און ניט אין קיין שפּאַס,
געמונטערט די פרײַנט מיט די ווערטער פון דאס,

געמונטערט, געזמרויקט ניט אף קאטאָוועס,
מיט אָנזאָג פון זיידעס, מיט כאָכמע פון אָוועס,
מיט גלויבן מיט אונדזערן פּראָסט און געשמאַק,
מײַן טײַערער כאַווער, מײַן עליע ספּיוואַק.

צוגאסט

איך האָב אַף עפּעס זיך גערעכט,
וואָס האָט ווי פּראָסט געדאַרפט זײַן ניכטער,
נאָר ס'האָט דעם שאָטן און דאָס ליכט
פאַרשוועכט דער טאָג דער אומגעריכטער.

איך גיי מײַן אַלטע שטוב פאַרבײַ,
ס'איז שטויב און אַש פון איר געוואָרן,
און אַלץ כ'דאַרף אָנהייבן אויפסנײַ,
ווי איך וואָלט נעכטן ערשט געבאָרן.

און ווידער בויען זיך אַ צעלט,
גלײַך, ווי אין מיטן וועג אַ רײַטער;
און דורכברעכן פאַר זיך אַ וועלט,
קעדיי זי פאַרזעצן אַף ווײַטער.

1

איך האָב פאַרלאָזט אַ פרײַנט, אַ היים,
אַ טאָג אַ בלויען, ווי דער דאָרעם,
און האָב דערוויסט אַ קופּע ליים
און היזכן גראָז אַף ברידער־קוואָרים.

די לופּט איז שטיל, און נאָר אַ בין
קומט צו אַ בלום אַף די רויִנעס,
אויב ניט אין שלעכטן כאָלעם כ׳בין?
פאַרבלאָנדזשעט האָב איך אַוועהין עס?

נאָר שטיין און שטויב און גאָרנישט מער, —
אַ בלאָנד יִינגל לויפט דורך באָרוועס,
קום, וועלפּעלע, קום צו אַהער,
איך קום פון וועג צו פאָרן נאָרוואָס.

די גאסן דאָ דערקען איך ניט,
ווי איך זאָל גאָר ניט זײַן פונדאַנען,
ניט שטעלן דאָ די ערשטע טריט,
איך בין דאָך פרעמד מיט היגע טאַנען...

2

און ווי אַמאָל דער באָר איז שטיל,
און סאָסנעס איינס דער צווייטער ליבן;
נאָר צווישן טויזנט טרעפּ אין מיל
בין איך, קען זײַן, איין טרעפּ פאַרבליבן;

אין קאַנט, ווו יעדער קוסט — אַ קינד —
עס היט נאָך אָפּ זײַנע מאַכשאָוועס,
ניט גאַסט, ניט טוישעוו כ׳בין אַצינד,
צו פאָרן כ׳קום אַף קייווער־אָוועס.

צעוואָרפן ווער ווייסט ווו איר זײַט,
איר, קוואָרים יידישע, פאַרלאָזטע,
באַם ברעג פון וואַלד, אין פעלד, באַם זײַט
פון לאַנקעס בלוטיקע, באַגראָזטע.

אין קופּעס אַש, אין גריבער ליים,
אין די פאַרשאָטענע טראַנשייען.
ווער יאָגט עס אום מיט אַ געוויין? —
די ווינטן, וואָס אין טאָלן ווייען...

3

נאָר לאָז דעם טרויער פרײַ — פאַרנעמט
ער אַלץ, וואָס איז געווען דיר טײַער;
נאָר לאָז דעם טרויער פרײַ, פאַרשעמט
ער אַלץ — אי זון, אי בלוי, אי פײַער.

נאָר לאָז דעם טרויער פרײַ — צעבּרעכט,
צעשטויסט ער אַלץ, צעהאַמערט...
נאָר ניט אומזיסט כ׳בּין וואַכע נעכט
אַדורך אין קלעמען און אין פלאַמען.

איך וועל אַדורכגיין זיך אַף יאַגד,
די ערטער נאָענטע דערמאָנען;
און פעלד־לופט איז אַזוי געשמאַק,
ס׳שרײַט די קוקאַווע אַף די קליאָנען.

4

און יול איז שטיל — אַ בלויע נעסט,
און ס׳קלײַבּן זיך די פרײַנט צוזאַמען.
זיי קומען אופגערעגט און פעסט,
ווי אייגענע צו אַלטע שטאַמען.

די רויטאַרמייער פונעם פראָנט,
די יונגען שטאַרקע, ווי דער קרעמען;

די פארטיזאנער פונעם וואלד —
די מעכטיקע נעקאָמענעמער.

און די, וואָס האָבן ווי און ווינד
מיט ציין פארקריצטע דורכגעטראָגן;
די מוטער אָן איר לײַבלעך קינד,
דאָס קינד אָן מוטער און אָן פאָטער.

ווי בושלעס קומען זיי אהיים,
ווען זון האָט ערד ארומגענומען;
און ס׳שמעקט די לופט אפּסנײַ מיט ליים,
און ס׳שמעקט דער ליים אפּסנײַ מיט זומער.

דעם ליכטיקסטן לאנד

איך טראָג אין מייַן הארצן
ניט ווערטער,
געשריבן מיט רויך און מיט פלאמען,
נאָר ליבע
און סינע
געבוירן דאָרט ווערט.
אויב טרייַשאפט
און האס קאָנען לעבן צוזאמען,
אזוי ווי א צווילינג אין בויך בא א מאמען,
דורך זיי זאָל מייַן זייכער
פארבלייַבן
אף דר׳ערד.

מייַן ליבע,
זי שטאמט פון מייַן פאָלק;
מייַן ליבע
צום פאָלק מוז דערגייַן,
אזוי ווי קרישטאָל
אי לויטער,
אי ריין.

אליין וואָס באַדײַט איך? —
ווער בין איך אליין?
און נאָר מיטן פאָלק ווערט מײַן פרייד און מײַן פּײַן
א הילך פון זײַן קלאַנג און א פונק פון זײַן שײַן.

מײַן סינע —
צום פײַנט פון מײַן פאָלק,
מײַן סינע
מוז דינען דעם פאָלק,
אזוי ווי דעם בּיניען א שטיין.
אליין וואָס באַדײַט איך?
ווער בין איך אליין?
און נאָר מיטן פאָלק איז באשערט מיר צו זײַן
פון די, וועלכע צאָלן פאַר בלוט און פאַר פּײַן.

ס'האָט וועלט מיך באַגעגנט
מיט זאַמדיקע טײַכן,
מיט פעלדער פאַרדאַרטע
און כאָרעווע נעסטן;

און איך וואָלט א וואָלף דאָ באַדאַרפט זײַן,
מיט קינבּאַקן שטאַרקע
און האַרטע,
קעדיי מיט דער וועלפישער וועלט זיך פאַרמעסטן.

און וואָלט איך קיין וואָלף ניט געוואָרן,
אליין כ'וואָלט געוועזן די פאַרצוקונג;
נאָר פלוצלינג כ'בין ווידער געבאָרן,
אפסניי האָט צעבליט זיך מײַן יוגנט.

ווער איז עס מיט וואָרט ניט געהערטן,
מיט זוניקן רעגן געקומען
אַף פּרוכטלאָזער ערד?..
ס'איז לענין געקומען,
ס'האָט בליען גענומען,
אין מידבאַר זיך האָבן
קרישטאָלענע קוואַלן דערהערט.

נאָר טיפער פון ברונעמס,
נאָר קלאָרער פון קוואַלן
עס האָבן זיך קלאַנגען צעשפּרייט...
ניטאָ נאָך קיין פעלדער,
וואָס זאָלן זײַן שענער,
ניטאָ נאָך קיין ערדן,
וואָס זאָלן זײַן ברייטער,
ווי די, וואָס ס'האָט לענין פאַרזייט.

דער גרעסטער פון קעמפער
איז ער דאָ געווען,
דער שטאַרקסטער פון קריגער
איז ער דאָ געווען.
דער וואָרהאַפטסטער טרוימער
איז ער דאָך געווען,
און ווי נאָר ראַסייע
אַרויס איז פון קלעם,
האָט ער זיך פאַרמאָסטן,
אַז זײַן זאָל איר שעם
ניט לאַנד פון דער סאָכע,
ניט קאַנט פון „לוטשינע", —

נאָר געגנט פון בראָכע
און קאַנט פון באַגינען, —
האָט ער שוין אין ליכט זי,
אין שטאָל זי געזען.

מײַן האס און מײַן טרײַשאַפט,
מײַן מוט און מײַן סינע,
ביז ליכט איז מײַן רײַכטום,
און וועלט וועט מיר גרינען.
זאָל לײַכטן
און דינען
דעם זוניקסטן קאַנט —
דעם לאַנד
פון לענין,
דעם לאַנד
פון ליבע,
דעם לאַנד
פון פרײַנטשאַפט.
דעם גרויסן,
דעם שטאַרקסטן,
דעם ליכטיקסטן לאַנד...

לענין לעבט מיט אונדז

וואָס איז שיין?
דעם טרוים, וואָס האָט דײַן שפּאַן געמונטערט נעכטן,
זען הײַנט אין אויסגעשלייפטן שטיין;
די טריט מיט פריידיקן געלעכטער
אָנפילן, — און ווײַטער גיין,
און גיין.
אָט דאָס איז שיין.
נאָר הייבן הייבט זיך אָן אזוי —
א גאס,
און הוילע ווענט
און קופּעס אש,
און ס׳בלאָנדזשעט אום א קינד אף בערגלעך שטומע,
אף די כורוועס גרינט דאָס גראָז,
עלנט איז דאָס קינד, פאַרלאָזט,
פון ווײַטע דערפעלעך אהער געקומען.

דאָס לאַנד האָט ווייניק ברויט,
דער סוינע ווינטשט אים טויט.
מיט ליבע ווערט געשפּײַזט דאָס יינגל.

און ס׳קומט אָן יאָר נאָך יאָר,
און ס׳גייט
און ס׳וואַקסט דאָס קינד, ווי ס׳וואַקסט די פרייד,
און פון זײַן גרויסן קלאַס וועט זײַן דאָס קינד א זינגער.
ניט נאָר ס׳הייבט אויף דער קלאַס
דעם זינגערס קאָל.
דעם זינגערס קאָל דער קלאַס דערציט,
און ביז עס וועט אמאָל
א דונער טאָן מיט פולן באַס,
זײַן האַס און ליבע אָנגעגליט —
נאָך דאן, — אין צימער פון צעקא
דערקאָנט מען שוין זײַן נײַע ליד...

אהער אין צימער קומען יונגען
פון פאַבריק,
פון דרוקערײַ,
ס׳איז קינדיש יונג נאָך זייער בליק, —
קיין צוואַנציק קיינעם ניט פאַרבײַ.
און א באַגער
זיי ברענט,
א דראַנג, —
אײַננעמען די פעסטונג פון געזאַנג.

מיר דאַרפן ווי דאָס לעבן זינגען פראָסט,
פראָסט אזוי, דאָס האַרץ זאָל טאָן א ציטער,
פון די זעלבע צימערן אין פראָסט,
אין ווינט,
אין ווינטער,

אין געוויטער,
אונטער פעסטע פויקן־קלאַנגען
איז מען קעגן טויט געגאַנגען...

די קאַמיוגיסטן — אין פּאַרטיי,
די אָנפּאַנגער — זײַנען געוואָרן דיכטער,
אַף קוואָרים־בערגלעך פּאַלט אַ שניי
און אַף דער ערד איז ליכטיק, ליכטיק...
אַזוי ליכטיק קען נאָר זײַן אין טרוים,
נאָר ס'איז דאָך יענע גאַס, — כ'דערקאָן זי, —
ניט קיין אַש — נאָר שלאַנקער שטיין,
און לעבנין שמייכלט פון דער בראָנזע.

זינג און זינג,
און אַפן גאַס איז פראָסט,
נאָר שניי און פראָסט,
און מענטשן גייען פון דער אַרבעט.
ס'איז אַזוי געוויינלעך
און, דאַכט זיך, אַזוי פראָסט,
עס האָט אַ מענטש געלעבט,
און אַלע מענטשן שטאַרבן...
נאָר איך וויל הײַנט אין טויט, —
אין שטומען פראָסט ניט גלייבן.
צאַרטע ווינטן שוועבן,
טראָפּנס ווײַסע זילבער
זייען זיי פאַרקלערט.
לעבנין האָט געלעבט,
ער וועט דאָ אייביק לעבן —
ביז עס וועלן מענטשן לעבן אַף דער ערד.

איך בין הײַנט פארפלייצט מיט פלאמיקע געפילן...
די שענסטע טרוימער גריסן אונדזער שליאך,
זיי רופן מונטער זײַן,
זיי לערנען אונדז זיך צילן,
זיי הייסן זינגען אונדז
און קעמפן,
און זײַן וואך,
איז גוט, מײַן הארץ,
א לעבן זאָלסט עס פילן...

מײַן ערד

ווי מײַן מוטערס אָנדענק
ביסטו, ערד, מיר טײַער,
ס׳רוען אין דיר מײַנע פרײַנט
און פײַנט,
איך בין אדורכגעגאַנגען דיך מיט לידער און מיט פײַער,
מיט לידער און מיט אַקערס כ׳גיי אַדורך דיך הײַנט,
וויפל העלנט דיך האָבן, ווי אַן אייפּל,
מיט זון און וואַסערן געפּויעט,
מיט זוימען זויבערע פאַרזייט?
שנייעלעך עס פאַלן ניט אַזויפיל
אין אַ ווינטער, וואָס עס שנייט און שנייט.

ניטאָ קיין שפּאַן אויף דיר,
וואָס זאָל אַמאָל ניט ברענען,
נאָך יעדן פלאַם באַנײַס
דײַן ווײַן און האָניק טריפט.
און ס׳דאַרפן קומען נײַע אַמונדסענען
דערלערנען דיך
ניט אין דער ברייט,
נאָר אין דער טיף.

אף אָט דער ערד,
וואָס כ׳בין מיט קריג אַדורכגעגאנגען,
מיט צאר און מוט געמאָסטן מײַנע טריט,
אצינד מיט גאָלד עס גיסן אָן זיך זאנגען,
און באלד וועט זײַן
די צײַט פון שניט...

איך האַלט די וואָך

איך הער אין פֿרילינג־צײַט,
ווי קנאָספּן פּלאַצן,
אין האַרבסט, —
ווי צווײַגן בייגן זיך פֿון שײַן.
איך וויל, מײַן לאַנד זאָל לעבן אין פּאַלאַצן,
און כ׳ווייס געוויס, אַ טאָג אַזאַ וועט זײַן.

מיר האָבן שטאָל
צו קאָוועןן און צו קאָוועןן,
און הענט, וואָס גליִק זיך בויען זײַנען ווערט,
און כ׳הער, ווי פֿריש עס הויכט די לופֿט אין אָוונט,
פֿון קרוין — אין בלוי,
ביז וואָרצלען טיף אין דר׳ערד.

דאָס גייט אַ קאַראַוואַן מיט ווײַט זיך גריסן,
דער בײַער טאָג זאָל קומען וווּנדער־שיין...
אַ שטראָם
האָט שוין דעם טהאָם אַדורכגעריסן,
אַ גוואַר —
געשפּאָלטן האַרטן מירמלשטיין.
פֿאַרוואָס זשע היט איך נאָך

אין מײַן זיקאָרן
א בליק — א בליץ, וואָס איז פון לאַנג אוועק?..
א מוטער האָט א נײַעם זון געבאָרן,
אַן עגבערער, —
א נײַעם סאָד אַנטפּלעקט.
צי ניט דערפֿאַר,
ווײַל דאָרט אין שטויב פון אָוואַר
צעטראָטן ליגט א שוועלבעלע — מײַן פרייד;
...מײַן וויי, מײַן אייגענעם,
וואָלט איך אין הארץ ניט כאָוועץ,
פֿאַרפֿרעסט איך וואָלט עס טראָגן שטילערהייט.

מיט אַלע פעדעם
פון מײַן שטרענגן אָטעם,
איך טראָג דאָך נאָר דעם נײַעם טרוים געוואגט.
און אויב איך קוק צוריק,
איז ווײַל עס קאָן דער שאָטן
פון הייל א שפרונג טאָן פלוצלינג מיט א האַק.

איך וויל, אין פרילינג זאָלן שמייכלען בלעטער
און לײַכטן זאָל די זון
פון ראַנד צו ראַנד.
איך וויל, אַז שטאָל
זאָל שמידן זיך און קנעטן,
און אין פּאַלאַצן לעבן זאָל מײַן לאַנד.

און גליקלעך זײַן זאָל ס׳קינד,
וואָס ווערט געבאָרן,
און ביימער זאָלן בליִען אף זײַן שליאַך...
מיט מוט אין הארצן,
מיט זינען לויטער־קלאָרן,
איך קוק דערפֿאַר צוריק, — ווײַל כ׳האַלט די וואַך.

סאָנעטן



1

איך וואָלט געוואָלט באַגעגענען דיך ווידער,
די הימלען זאָלן זײַן, ווי דענסטמאָל, ריין;
און לעבן זאָלסט ניט נאָר אין מײַנע לידער,
נאָר לעבן זאָל מײַן ליד אין דיר אַליין.

ניין, קיינמאָל װעל איך דיך דאָ מער ניט טרעפֿן,
גלײַך ווי אַ וועל, וואָס איז אַראָפּ צום דעק,
גלײַך ווי אַ טאָג, וואָס האָט אַ קוואַל געעפֿנט,
אַ בלענד געטאָן, אַ בליק, און איז אַוועק.

און ס'בלײַבן איבער נאָר מיט מיר די קלאַנגען,
די לידער בלײַבן איבער נאָר מיט מיר,
אַזוי, ווען ס'איז די שיף אונטערגעגאַנגען,
עס לאָזט זיך אין דער ווײַט נאָך אַ פּאַפּיר,

פֿאַרכאַסמעט אין אַ בוטל, צו די פֿרײַנט,
אין מאָרגן־גליק פֿון טרויעריקן הײַנט...

2

ווײַל שיינע איז געווען דײַן נאָמען איינער,
דײַן צווייטער נאָמען לעבן איז געווען,
ווײַל ס'האָט דײַן יוגנט בײדע זיי איבײנעם
באַהעפט ביז וווּנדער־פּראָסט — מײַן בענקשאַפט ברענט
און מאָנט פון מיר אין לידער זיי געבאָרן,
און ווידער שענקען איר דײַן רייץ און כיין,
ניט עלטערן זי קיינמאָל זאָלן יאָרן,
געבאָרן אָף מער קיינמאָל ניט פאַרגיין.

מײַן פרוי, מײַן פרײַנט, מײַן ערשטע פרייד, מײַן ליבע,
דאָס גליק איז מיר באַשערט געווען ניט לאַנג.
נאָר ווי דעם וועג, וואָס ער איז לאַנג אַריבער,
קערט אום דער רײַזנדער זיך אין געדאַנק,

אזוי זאָל אומקערן מײַן ליד צוריק
דײַן פלינקן ריר, דײַן כיין, דײַן יוגנט־גליק.

3

איך האָב דיך בא א פרײַנט מײַנעם געטראָפן,
און פון דײַן ערשטן בליק — דײַן קער, דײַן שטעל,
האָב איך פאַרגעסן ווי באַנאַכט צו שלאָפן,
האָב איך געבלאָנדזעט ווי אין אָנהייב וועלט.

גלײַך זײַן וואָלט דאָרטן נאָר איין ציצן קליידל,
איין קאָפּ פאַרשווירן ייִנגלש און פאַרשײַט,
איין וווּנדער איבער וווּנדערסטער, — איין מיידל,
איין צויבערלעכע צינונג צו דער ווײַט.

און איך נעם אָפּטער צו מײַן פּרײַנט אַרײַנגײן,
אַזוי זיך, מײַסע כּאַוועער פֿון קאָמיוג,
און נאָך דערפֿאַר, ווײַל ערשטע וווּנדער־קלאַנגען
פֿון ראַדיאָ באַ אים. נאָר דו ביסט קלוג,

און שמייכלענדיק דערלאַנגסטו מיר די האַנט, —
„געוויס איז ראַדיאָ אינטערעסאַנט"...

4

אַן אַרבעט נעם, זאָל ווי די האַנט דיר דינען,
אַ פֿרײַנט קלײַב אויס, זאָלסט קענען זײַן אים טרײַ,
אַ פֿליכט — זאָל אײַנשטימען מיט אים דײַן זינען,
און אַל — ניט שטערן זאָל דײַן גײַסט, זײַן פֿרײַ.

אַ פֿרוי — אַ פֿרײַנט זאָלסטו אַזאַ זיך נעמען,
וואָס זאָל דיך פֿילן ווי דעם שטאָל — מאַגניט,
וואָס זאָל פֿאַרשטיין דיך, און, אויב ניט, — ניט שעמען
זיך מוידע זײַן, אַז זי פֿאַרשטייט דיך ניט.

איך האָב נאָך ניט געקענט דאַן זיכער זאָגן,
אַז דו ביסט טאַקע יענע, וואָס איך זוך;
ווי קאָן מען ווײַן דערקאָנען לויטן לאָגל,
לויט קאַרגע שורעס אורטיילן אַ בוך?

נאָר נאָענט ווערסטו מיר פֿון ערשטן שײַן,
פֿון ערשטן בליק ביסטו אין מיר אַרײַן.

5

וואָס טוט מען מיט דעם בלוט, וואָס ווערט ניט שטילער,
וואָס דורשט נאָך שטרײַטן, אומרוען און דראַנג,

און מיטן איבערפלוס פון די געפילן,
וואָס בונטעווען דעם פרידלעכן געזאנג?

איך וועל, מײַן זעל, דערציילן דיר א מײַסע,
און דו זיך טוליע צו צו מיר און הער,
א מײַסע מיט א דאָרף, א הילצן הײַזל,
אין וועלכע ס׳לעבן ניט קיין וואָלף, קיין בער, —
א יידיש יינגל — הער זיך צו, און מעגלעך
פארגעסן וועסט א רגע פון דײַן לייד,
דערזען וועסטו די האסטיקע באוועגונג
פון דעם, וואָס ענדערט זיך און וואָס פארגייט.

און וועסט א שמייכל טאָן צו מיר — גערעכט,
עס גייט די צײַט, און דאָס איז שוין ניט שלעכט.

6

א וועג, א הילצן הײַזל שטייט דערנעבן,
און אן אלמאָנע אף איר דאָליע קלאָגט,
אויב זאָגן, אז ניט זיס איז איר דאָס לעבן,
איז הייסט דאָך גאָרניט וועגן אים געזאָגט.
א שטוב מיט קינדער, אלע ווילן עסן,
און עסן דאָס איז ניט קיין קינדער־שפיל,
האָט דער מיזיניק זיך אָן דעם פארגעסן,
און איינס באָר מאָנט ער: לערנען זיך ער וויל.

גיי לערן זיך — א קאנט פון שטומע באָרן,
א שול איז ווײַט, מאך שיך, א בעגעד ניי,

ווי נעמט מען אַלץ? זיך אויסברעכן פון אָרעם,
און שרײַען — ווער וועט הערן דײַן געשריי?

און ווי דער דורשט דערקענען אַס נאָך אַס,
גיסט אָן זיך אין מיזיניק דער פּאַרדראָס.

7

נאָר שאַרפער שניי און פראָסט, נאָר ווינט און ווינגע,
עס וואָלטן עפּשער מיטפּילן דעם קינד, —
זיי טראָגן דורך זיך העפקער און מעשוגע,
און נעלעם ווערן זיי ווער ווייסט וווהין...

נאָר סאָסנע־בוים, אין אַלטע שטומע באָרן,
עס וואָלט אים עפּשער מיטפּילן געקענט, —
געשמידט צום אָרט ער לעבט אָפּ זײַנע יאָרן,
און שטאַרבט ער, ווייס מען ניט אַפילע ווען...

נייך, ס׳דאַרף דאָס קינד ניט האָבן זייער מיטפּיל,
ניט שניי איז ער און ניט פון בוים אַ שטאַם,
אויב ער דאַרף יאָ זײַן מיט דער ערד געשמידט דאָ,
איז גלײַך ווי שטאָל, וואָס פריִער גייט דורך פלאַם.

פון פלאַם — דער שטאָל זיך האַרטעוועט אין פראָסט,
ס׳קינד האָט אין זאַווי זיך זוכן גליק געלאָזט...

8

נאָר ס׳איז באַשערט געווען ס׳זאָל ניט פאַרפרוירן
זײַן האַרץ, נאָר שלאָגן ריין און אויסגעקלאָרט —

אין יענע טעג האָט לעגין די גיבוירים —
די רויטגווארדייער אָנגעטרויט זייַן וואָרט.

אויב ווערטער קענען אומקערן די יוגנט
צו אַלטע לייַט, זיי מאַכן צוויי מאָל יונג,
איז לעניִנס וואָרט אַזאַ, ס׳איז אומבאַנוגנט,
ווי ס׳לעבן, — אומרויִק, ווי פרייד, ווי שווּנג,

און ווען אין דאָרף די פּויערים, דערפרייטע,
די קעפּ אַנטבלויזט, עס האָבן אין איין קאָל
געזונגען, מיט סאָלדאַטן גרוי־געקליידטע, —
האָט ס׳קינד מיט שטאָלץ געהערט צום ערשטן מאָל,

אַז איצט גייט דער אַנטשיידענער געפעכט
פאַר פרייד פון קינדער און פאַר מענטשן־רעכט.

9

איז וואָס, מייַן זעל, דיר פאָרזעצן די מייַסע,
צי עפּשער ווייַטער הערן ביסטו מיד?
קום, לאָמיר דורכגיין דורך א נאַכט א ווייַסער,
מיט שטערן, ווי די אויסיעס פון א ליד.

ס׳איז שפּעטער אָסיען, פראָסט, קיין שניי ניטאָ נאָך.
דאָס ייִנגל, ווי א וואָלף, אין פעלד איז וואַך,
אַליין אונטער דער שייַן פון דער לעוואָנע,
די האַרטע ערד צוקאָפּנס, און די נאַכט,

ווי אפּצולאָכעס, זילבער גאַנצע עמערס,
נאָר שיט און שיט. גאַזלאָנים אפן טראַקט,
א קינד זאָל ציטערן. פאַרוואָס? פאַר וועמען?
ווי קען אַף קינד פאַרמעסטן זיך א האַק?

נאָר ראָצכים זעען ניט, זייער אויג איז בלינד.
און צו דער ערד געטוליעט ליגט אַ קינד.

10

אין טעג, ווי הייסע אומרויִקע פלאַמען,
ווען יעדער פרי איז בײַ, און רוי, און בלוי,
פאַרוואָס זאָלסטו ניט זײַן מיט מיר צוזאַמען,
ווו זײַנען זיי אַצינד — מײַן קינד, מײַן פרוי?

האָסט מיר אַ זון געבראַכט, מײַן קינד, מײַן אָטעם,
און גרעסער כ׳האָב קיין פרייד גאָר ניט געהאַט,
און נאָכן זיידן רוף איך אָן אים, מאָטל,
און לויט דער מעטריקע ער הייסט „מאַראַט".

מײַן זון, מײַן ווידערקאָל, מײַן הויך, מײַן אָטעם,
זאָל בלאָזן דיר אין וועג אַ גוטער ווינט.
און דאַנקבאַר כ׳בין דיר פאַרן נאָמען „פאָטער",
און צאַרטקײַט טייל איך צווישן דיר און קינד.

ווו זײַנען זיי אַצינד־מײַן קינד, מײַן פרוי?
נאָר ווינט און רעגן, שאַרפער שניי און טוי...

11

מײַן פרוי, וואָס האָט געניט דעם קאָפּ דיך בויגן?
געקלעמט מײַן אייפּל האָט פאַר וועלכע זינד?
ווײַל שיינע האָט געהאַט צוויי וווּנדער־אויגן,
ווײַל נאָר דײַן אומשולד איז דײַן שולד, מײַן קינד!

מײַן פרוי איז צו איר אײגענער לעווײַע
געגאַנגען שטום. געקוקט—די זון נאָך שײַנט;
אַף דאָרעם פליִען פויגלען אָפּ אין סטײַעס,
און ס'פרעגט דאָס קינד זי, וואָס וועט ווײַטער זײַן?

און שרעקלעך איז דער טויט, ווײַל דו דערוואַרטסט אים,
ווײַל דיר האַרף ברענגען אים דעם סוינעס האַנט;
אַרויסרײַסן דאָס לעבן וואָלסט פון האַרצן,
נאָר שטאַרבן זאָל מיט דיר דײַן פײַנט באַנאַנד.

עס פרעגט דאָס קינד: — און זײַן וועט ווײַטער וואָס?
די ערד וועט צודעקן און גאָר? — אַ שלאָס?..

12

ניין, שליסן כ'וועל ניט געבן זאָל פאַרגעסונג
דעם סוינעס שאַנד: זאָל אײביק איבער אים
דאָ הענגען, ווי זײַן דראָענדיקער מעסער,
דעם אויפּלס לעצטע אומשולדיקע שטים.

איך וועל ניט לאָזן, ס'זאָל די ערד צעשטויבן
דעם פײַנטס פאַרברעכן; זאָל דעם זאָקנס טרער,
ווי שרויט דאָ לעכערן זײַן שאַרבן אײביק,
ווי ער האָט עס געטאָן מיט זײַן געווער.

עס קומט און מאָנט, און הערט ניט אויף צו מאָנען
פון מיר מײַן קינד, אין יעדער אָפּדערנאַכט:
„שמיד אויס אַזוינע ווערטער קעגן סאָנים,
ניט האָבן קיין געווער זאָל אַזאַ מאַכט“.

אַ מאַכט אַזאַ האָט קיין געווער נאָך ניט,
ווי ס'בלוט, וואָס זידט אין אָטעם פון געמיט.

13

די ווונד פאַרגייט, דער סימען בלייַבט דאָך לעבן,
דאָס גליק פאַרגייט, נאָר ס׳בלייַבט פון אים אַ קלאַנג,
אַזוי פאַרגייט דער גרעבער, נאָר מיר שעפּן
פון קוואַל, וואָס ער לאָזט איבער אונדז אויף לאַנג.

דער קוואַל דאַרף גאָרנישט האָבן פאַר זייַן טקומע,
אים איז געננוג פון באָדן זאַמד און זאַלץ.
נאָר דורשטיקע זאָלן וואָס מערער קומען,
מיט זייער דורשט צו אים, ער דאַרף — און אַלץ...

פאַר דורשטיקע בלייַבט נאָר אַ קוואַל אַ רייַנער,
וואָס מער זיי שעפּן אים, אַלץ טיפער ר׳ווערט,
און נאָר אַ קריץ, אַ שניץ, אַ סימען אייַנער,
דערמאָנט אָן דעם, וואָס גראָבט אים פון דער ערד.

איז אויב אַ ווונד, אויך זי קען ברענגען פרייד,
איז ווו איז לייד בײַ צייַט, וואָס גייט און גייט?..

14

באַך יענער הייסער ציטעריקער ליבע,
ווי קען איך איצטער ליבן נאָכאַמאָל?
ווען ס׳פעלד איז דורך די קאָסע, וואָס בלייַבט איבער?
די זאַנגען פאַלן טויט — אַ הוילער טאָל...

נאָך יענער בוים, וואָס לאַנג איז דאָרט געשטאַנען,
מיט בלעטער גאָלדענע באַך איצטער שטייט,

אדורך וועלן די הארבסטיקע טומאנען
און ווידער ברענגען פרילינג אים וועט פרייד.

א בוים אן אייגציקער אין פוסטע טאָלן,
אין הארבסטן במורנע איז מיר זײַן באשערט,
די זוימען זוניקע געטרייסט זײַן זאָלן,
דער פרילינג וועט ניט מײַדן אונדזער ערד.

א בוים אין טאָל פון ווינט איז ניט באשיצט,
פאר שניי און רעגן פרײַ אמאָל און איצט...

15

מײַן אנדערע, מײַן הארציקע, מײַן בעסטע,
אָן ליבע אָרעם וואָלט געווען די ערד,
אויב כ׳רוף דיך אָן אזוי, האָסטו „די ערשטע"
דערמאָנען מיר געדארפט, נאָר גראָד פארקערט.

אויב מענטשן זײַנען אלע גאָר פארשיידן,
ביסטו און זי, ווי ס׳זאָגט זיך, טאָג און נאכט,
און טאָג און נאכט איך טראָג אין הארצן ביידע,
און ס׳האָבן ניט דערפאר אף מיר קיין מאכט

די נעכט און טעג, וואָס גייען אין מעסלעסן,
זיי לעשן אויס אלץ, לאָזן אפן ווינט,
און איך, פארקערט, דאָס אלץ, וואָס ווערט פארגעסן,
קריץ אויס אפסנײַ, פארצייכן און צעצינד.

איר שכיינעס זאָל ניט זײַן דיר צו פארדראָס,
בא שכיינים וועגדט זיך אלץ אָן באלעבאָס...

16

באגעגנט האָב איך דיך אין פרילינג בלויען,
און אָנגערופן דיך מײַן פרייד, מײַן שײַן,
ביסט אָנגעקומען מיר אָן ווײ, אָן טרויער,
אָן ווײ און טרויער ליבע קען ניט זײַן.

אין דעם האָסטו מיך איבערצײַגט שוין שפּעטער:
„די ערשטע" איז מיר אָנגעקומען שווער,
אַלציינס, ווי צו א פעלדז וואָלט איך געקלעטערט,
דערפאַר דאָס אַלץ, וואָס האָט מײַן האַרץ באַגערט,

איז זי געווען דערנאָך, — א פרוי, א כאַווער,
און דו, די ווײ האָסט אָף דערנאָך געלאָזט.
פאַרוואָס זשע ביסטו טײַער מיר, טשיקאַווע,
וואָס ליבע איז אַפילע מײַן פאַרדראָס?

ווײַל האָסט געבאָרן מיר א זון — א פרייד,
די ליבע, וואָס גייט אוף און ניט פאַרגייט.

17

מײַן ערשטע פרוי געהאַט האָט אירע געטער,
ס'האָט פאַלן ניט געטאָרט אָף זיי קיין שטויב,
זי האָט געהאַלטן פון אווטאָריטעטן,
אין דיכטונג און אין אייביקײַט געגלויבט.

מײַן צווייטע פרוי האַלט נאָר פון אוילעמהאַזע, —
גוט עסן, קליידן שיין זיך איר געפעלט,
א דיכטער, האַלט זי, דאָס איז א שלימאַזל,
זי האַלט אינגאַנצן ניט פון יענער וועלט...

דערפֿאַר, ווי לידער, לײַכטן אירע אויגן,
ווען אַפֿן קינד זי קוקט. און וואָס איז רום?
דער מענטש — דער גאַט עס האָט איר מילך געזויגן,
און איצט ער שפּילט, ער לויפֿט אין גאַס אַרום.

ער לערנט זיך און פֿרייט, און וואַקסט — איז ווער,
איז ווער פֿון אייביקײַט דאָ האַלט נאָך מער!..

18

איך וויל מײַן סאָף באַגעג׳נען מיט אַ שמייכל,
דערמאָנען זיך, צי צוטראַכטן אַ וויץ.
און בעטן וועל איך נאָר די מאַמע אייכל,
מײַן טײַערע, ניט גיי אַוועק און זיץ...

באַ אונדז אין לעבן איז געווען פֿאַרשיידנס,
דאָס בעסטע אין דײַן האַרצן היט און שווײַג,
דו פֿלעגסט דאָך שטענדיק לאַכן, ווען כ׳פֿלעג ריידן,
קיין ווערטער האָבן דיך ניט איבערצײַגט.

דו זיץ מיט מיר, איך רייד איצט ניט קיין ווערטער.
מײַן צונג שטייט פֿון מײַן האַרץ אָפּ זייער ווײַט.
אויב ס׳איז ביז איצט דיר זאָגן ניט באַשערט מיר,
וואָס כ׳וויל, בלײַבט איצט אויף דעם שוין ווייניק צײַט...

דו ווייסט, קען זײַן, נאָך ווען עס איז פֿאַרשטיין,
אַז ס׳איז מײַן וואָרט ניט נאָר קיין וואָרט אַליין...

19

די שענסטע לידער בין איך גרייט, ווי בליצן,
אַדורכטראָגן דורך שטורעמדיקע נעכט;

כ׳בין דרייסטן שארפזין גרייט פון פיינט באשיצן,
מיך מוטיקט דער געפיל, וואָס כ׳בין גערעכט.

כ׳בין גרייט מיט סאָנים און מיט פריינט זיך קריגן,
פאר יעדן וואָרט, געדאנקען מינדסטן ריר.
פארוואָס זשע ווער איך, ווי א קינד, אנשוויגן,
ווען ברויגעזדיק דו שטימסט ניט איין מיט מיר.

צי דען ביסטו עס די גערעכטע שטענדיק,
וואָס קיין שום שוץ פון דיר מיך ניט פארהיט!
צי דען איז עס דיין שארפזין אזוי בלענדיק,
וואָס קליגער ענטפערן שוין קען איך ניט?

מיין טייערע, איך בין דעם מינהעג טריי,
אז דו געווינסט, געווין איך סיי־ווי־סיי...

20

דער פרילינג האָט נאָך פריילעך ניט געריטן
אף טאָל און טייך, דאָך זאָגט ער אָן „איך קום״.
פארפרי מע פאָרט ארויס פון הויף אף שליטנס,
אף רעדער קערט מען זיך אין אָוונט אום.

כ׳האָב ליב דעם פרילינג אין זיין ערשטן אָטעם,
ווען אומעטום איז ער און ערגעץ ניט,
ווען ס׳שפילט זיין אָנזאָג־רוף אין זון און שאָטן,
ווען ס׳רייפט אין פעלד זיין האכוועסדיקע ליד.

איך האָב אים ליב אין וואלד, אין א פרימאָרגן,
ווען צווייגן צווייפלען נאָך צי יאָ, צי ניין —
דערהערן זאָל דער שטאם, אין זיך פארבאָרגן
זיין זאפט שוין ריזלען אומרויק און ריין.

איך האָב אים ליב, ווען ס׳הערט די לופט זיך איַין, —
ער גייט, ער שפּאַנט און באַלד וועט ער דאָ זיַין...

21

ווען אױף מיַין דאָר איך קוק, פֿון מיַינע לידער,
אױף מיר טוט אָפּט א ווײ מיט שטילער שרעק, —
איך זינג נאָך אַלץ פֿון זיך, פֿון מיַינע ליבע,
פֿון מיַינע פֿריַינט, צי כ׳שטיי ניט אָפּ אין וועג?..

ס׳האָט דאָך מיַין ציַיט דעם אטאָם אױפֿגעריסן,
צו נײַע וועלטן טראָגט זי איר געזאַנג,
און איך, ווי איך זאָל גאָר פֿון דעם ניט וויסן,
זעץ פֿאָר די ליד נאָך אין איר אַלטן גאַנג...

א רעגע דויערט נאָר די שרעק, מיַין טרייַע,
און ווידער זיכער זוכט דאָס וואָרט זיַין שטאַם,
צו גריסן הייס דעם היַינטציַיטיקן פֿיַיער,
ווי ס׳האָט געגריסט דער מענטש דעם ערשטן פֿלאַם.

דער ערשטער מענטש דאַן טאַנצט אין סטעפּ און באָר,
און דו דיַין פֿרייד, דיַין ליד פֿאַרטרוי און גאָר!..

22

נאָר וווּ איז דאָ די פֿרייד? ס׳איז דאָ דער ציטער,
ווי דאַן, ווען ס׳האָט דעם ערשטן מענטש באַשיַינט,
מיט זיַינע מאַלפּעס־הענט די ניט געניטע,
צו וואַרפֿן שזאַר אין הייל־שטיבל פֿון פֿיַינט.

נאָר איצט די ברען־קראַפט איז אַפילע גרעסער,
ניט קלענער איז די סינע, ווי אַמאָל,
און טויזנט שטראָמען וואַסער, ניט פאַרלעשן
עס קען דעם פונק, וואָס צינדט, ווי שטרוי, דאָס שטאָל.

ס'האָט גאָט געמאַכט דעם גענעם און גאַניידן,
דער מענטש, וואָס מאַכט אין אַלדאָסדינג אים נאָך,
האָט איצט זיי אויך געקענט באַשאַפן ביידע,
און איז פון דעם אַליין פאַרוווּנדערט נאָך.

זײַן אופטו דאַרף ער גיכער דאָך פאַרשטיין,
אַז ניט דער גענעם וואַרט אַף אים אַליין.

23

ווי אַלע מענטשן מיטן גוטן ווילן,
איך וויל דאָך גלייבן, אַז אַזוי וועט זײַן:
אַז אַף דער ערד נאָר אויפלעך וועלן שפּילן,
און אַלטע וועלן פון דעם גליקלעך זײַן.

איך גלייב ניט, אַז די מענטשן זײַנען קינדער,
אַז ס'איז די מענטשהײַט נאָר אַ קינדער־שפּיל,
אויב ס'גליק איז זיי געלונגען צו דערפינדן,
זיי זאָלן פון דעם מאַכן טעל און טיל.

מײַן דאָר זיך רײַסט צעפּראַלן אַלע הימלען,
נאָר שלעכטע לײַט אים בייגן צו דער ערד;
ניט שוין־זשע אַזאַ סאָף, ווי כיראָסימאַ,
מײַן טײַערע, איז אים דאָ אויך באַשערט?..

ביין, ביין, פאַרויס ער דארף נאָך שפּאַנען ווײַט,
און שוואַרצע גײַסטער, טרעט אָפּ אָן א זײַט!..

24

איך רייד — געפעלט דיר ניט מײַן דיקציע — שווײַג איך,
איך זינג — געפעלט דיר ניט מײַן באַריטאָן,
איך זאָג אָן עמעס, זאָגסטו, אז דאָס לײַג איך,
איך שפּאַס, זאָגסטו — דיר גייט קיין שפּאַס ניט אָן.

וואָס זאָגן? ס׳גיט דעם לעבן א געשמאַק צו,
אַזאַ אָריגינעלע ליבע — ביין;
נאָר דאָך איינטערעסאַנט איז צו פאַרשטיין,
וואָס טראַכט א פרוי זיך מיט אַזאַ כאַראַקטער?

אויב ענלעכס וועלן זוכן אין פּאַפּירן,
איז דארף מען זיך ניט גריבלען סאָפאָקלאָסאָף,
עס איז פאַראַן שוין איינע בא שעקספּירן,
וואָס מיט דער צײַט ווערט שטילער פון א שאָף.

נאָר דאָס איז דאָך געווען אין ווילִיאַמס צײַט,
און דיך דערלערן איך און ליב, און לײַד...







אינהאלט

ליריק

1. די טירן עפן ברייטער

אָט דער געדאַנק אַף טויזנטער פּאַפּירן 5
א קוואַל 6
מיט וואָס האָט מיך די ערד געבונדן 7
ס'האָט אונדזער מעכטיקײַט זיך אויסגערוט . . 8
פאַרוואָס זאָל מיר קיין שאָ ניט ווערן גרינגער . 9
מיט וואָס איז עס דער פּרילינג אַזוי שיין . . 10
פאַרנאַכט 11
זומער 12
מיט פרײַנט 13
דאָס לעבן זאָל קיינמאָל ניט דורכגיין פאַרבײַ . 14
פאַראַנען ווערטער, וואָס איך וויל פאַרגעסן . . 15
דער עמעס 16
דו מעגסט זײַן ווײַבלעך, מעגסט זײַן מענלעך . 17

וויַסרוסלאַנד איז געווען מײַן וויגלאַנד־היים 18
ווען אַלט כ'בין א יאָר צוועלף געווען 19
א קערפּערלעכס, א קרעפּטיקס, ווי פון קיזל 20
פרעג אין שלאָף מיך, צי אין דרימל 21
א שטיין איז א שטיין, ער ליגט אף אן אָרט 22
אָט דער פּאַרדראָס עס פּײַניקט מיך און מאַטערט 23
זאָל זײַן אזוי!.. 24
און אָפּט איך טראַכט גאָר, אַז ס'איז גוט 25
ס'פאַרגייט די קינדהײַט, דורכגעבליצט און שוין 26
ווען איך וועל זיך צעשיידן מיט דער ערד 27
און ווען די ערד וואָלט ניט געווען 28
גוט, וואָס לעבן קומסט ניט איינער 29
ווען דער וועג פונעם לעבן ווערט קירצער 31
פיל נאָענטע מיר זײַנען ליב און טײַער 32
ווען געגאַנגען בין איך דורכן טשערווענער טראַקט 33
איך פיל — מיר ווערן ביידע עלטער 34
מײַן ווײ איז אָן דיר, ווי א ווינט איבער וועגן 35
איך ווער פון קיין פריידן ניט ייִנגער 36
אַרום יאַם 37
איך וואָלט גיין דורך זיבן יאַמען 38
ס'האָט פון גליק געזונגען מענדל 39

2. קוואַלן

די ערד האָט טויזנט קוואַלן 40
אָקטיאַבער־לידער 41
ווען:.. 46
שטענדיק ערנסט איז א שויטע 47
איך האָב געהאַנדלט ניט, ווי היינע 50
ניט דערמאָנונג... 51
דער הימל איז טיף און איז בלוי און איז הויך 53
מײַן וואָרט 55

ס׳נאריש ייִנגל טראכט צו גראמען 57
שיין איז דאָס לעבן 58
אין אויג מײַנס 60
ערשט נאָך נאקעטע געשטאנען 62
הארבסט 63
צוועלף אזייגער 65
אף דײַן וועג 67
פון אלע קרענעצעס די ריינסטע איז די ליד 68
רעגעס 70
ס׳דערמאָנט זיך 71
צו א קינד 73
כ׳טו אויס דיך פארן שלאָף 75
מײַן דערמאָנונג 77
אפן דעק פונעם הימל 78
ס׳האָט דורכגעטראָגן זיך א בליץ 80
פירלינג 81
אין מײַן פאמיליע זײַנען אלע שרײַבער 84
מײַן פּאָלעסיע 86
איך בענק נאָך פרײַנט אצינד אין זילבער־גראָווקײַט 88
שפּעטער הארבסט 89
אפן טויט פון מײַן שוועסטער ראָכל 91
כ׳האָב א ברודער הינטער הימל־ראנד 94
נוימע 97
זומער בינדט מײַן טאטע פּליטן 99
גערעטעניש 105
זאָל דיר זינגען יאנוואר 107
אויב דו ווילסט מײַן טרויער היילן 110
מײַן מוטער 112
דורך הייסע וועגן 115
פיר טיילן פון יאָר 120
ס׳האָט גרינע פּעלענע... 123
עליע ספּיוואק 126

צוגאסט 130
דעם ליכטיקסטן לאנד 134
לענין לעבט מיט אונדז 138
מײַן ערד 142
איך האלט די וואך 144
סאָנעטן 146

Лифшиц Мендель Нахимович

У СЕБЯ ДОМА

(На еврейском языке)

М. «Советский писатель» 1967 г. 168 стр. Тем. план вып. № 306.

Редактор *И. Серебряный.* Художник *Л. Мороз*

Худож. редактор *Е. Капустин.* Техн. редактор *Р. Соколова*

Корректор *Д. Грозовская*

Сдано в набор 25/I 1967 г. Подписано к печати 11/VII 1967 г.
Бумага 70×108 1/32. № 1. Печ. л. 5 1/4 (7,35). Уч.-изд. л. 4,24.
Тираж 7000 экз. Заказ 2344. Цена 49 коп.

Издательство «Советский писатель»
Москва К-9, Б. Гнездниковский пер., 10.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
пер. Аксакова, 13